בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

פַּרְשַׁת בְּחֻקֹּתַי

תשפ"ד

מהדורת לעווין

348

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


**נדפס ע"י**
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י**
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ אַזוֹיפִיל רְדִיפוֹת פוּן מַיין טַאטֶע?..................... א

וִוי אַזוֹי מַאךְ אִיךְ מַיין מַאן זָאל אוֹיפְגֶעבְּן זַיין טֶעבְּלֶעט?..................... ד

פַארְוָואס נָאר אוּנְז הָאבְּן נִישְׁט קַיין אֵייגֶענֶע דִירָה?..................... ו

מַאכְן אַן אַפֶּעַראצְיֶע צוּ פַארְלִירְן וָואג?..................... ט

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

וָואלְט זִי גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ, וָואלְט אַלֶעס גֶעוֶוען הֶערְלִיךְ..................... א

זִיךְ פִירְן צוּ מֶענְטְשְׁן מִיט גוּטְנְס..................... ב

רוּפְן אוּן טֶעקְסְטְן טוֹיזְנְט מָאל וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן..................... ד

זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּ זַיין אִין מִירוֹן לַ״ג בָּעֹמֶר..................... ה

דָאס הֶעלְפְן דִי סְקוּל, וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען אַלֶעס גוּטְס..................... ו

מַלְכוּת שֶׁבְּנֶצַח, מְנַצֵחַ זַיין דֶעם יֵצֶר הָרָע..................... ז

מֶען וֶוערְט נִישְׁט בֶּעסֶער דוּרְךְ קוּקְן אוֹיף זִיךְ שְׁלֶעכְט..................... ח

יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת בַּיים רֶבִּי'ן הָאט אַן אַנְדֶערֶע בַּאדֵייט..................... ט

אִיךְ זָאג עֶנְק צוּ; מִיט תְּפִלָּה וֶועט גֶעשֶׁען אַ נֵס..................... י

רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי וַוייבּ..................... יא

סַבְלָנוּת מִיט דִי נֵייעֶ בִּיזְנֶעס..................... יא

נֶעם נִישְׁט אָן דִי נֵייעֶס אַזוֹי עֶרְנְסְט..................... יב

לֶערְן אוֹיס דַיינֶע קִינְדֶער צוּ פְרֶעגְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד..................... יג

אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ רֶעדְט מֶען נִישְׁט אוֹיף קַיין מַנְהִיגִים.................................יג

אוֹיסְשְׁפֵּייעֶן דִי אַלְטֶע צֶעדְרֵייטֶע שִׁיטָה פוּן זִיךְ קְלַאפְּן ..........................יד

פַארְוָואס בִּין אִיךְ אַנְדֶערְשׁ? אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִיק ........................טו

אִיךְ בִּין זֵייעֶר מֻרְגָשׁ פוּן עֶנְקֶער אַחְדוּת אוּן מִידוֹת טוֹבוֹת.........................יז

שְׁוֶועריִקֵייטְן אָנְצוּקוּמֶען קַיין מִירוֹן..........................................יז

זִיךְ פָארְנֶעמֶען לְכָבוֹד דִי בַּר מִצְוָה נִישְׁט צוּ רֶעדְן בַּיים דַאוְונֶען ..............יט

דִי מַחֲלָה אַנֶערֶעקְסִיֶע רַחֲמָנָא לִצְלָן..........................................יט

דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן גֶעבְּן צְדָקָה פַאר דִי מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל .............כ

דוּרְכְגֶעפַאלְן בַּיי דִי וַואלְן ..........................................כא

נִישְׁט הָאבְּן קַיין אֵיין שְׁוַוארְצֶע פִּינְטְל קַשְׁיוֹת אָדֶער תַּרְעוּמוֹת ..............כב

בַּאשׁוּלְדִיג נִישְׁט קֵיינֶעם, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ..........................כג

חֲבֵרִים אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען טוֹישְׁט וִוי אוּנְטֶער וֶועשׁ..........................כד

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

### פַאַרְוָואס הָאבּ אִיךְ אַזוֹיפִיל רְדִיפוֹת פוּן מַיין טַאטֶע?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל זִיךְ נָאכְמָאל בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶעס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א לֶערְנְט אוּנְז, דִי דְרָשׁוֹת גֶעבְּן מִיר חִיזּוּק אוּן שֵׂכֶל ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן אִין אַלֶע מַיינֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל גֶעבְּן מֶער אוּן מֶער כֹּחַ פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א צוּ קֶענֶען מַשְׁפִּיעַ זַיין פַאר דִי וֶועלְט דִי הֵיילִיגֶע גֶעשְׁמַאקֶע לִימּוּדִים.

אוֹיבּ אִיךְ מֶעג בֶּעטְן אַבִּיסְל חִיזּוּק אִינֶעם עִנְיָן פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אִיךְ הָאבּ דָאס אַלֶעמָאל גֶעדַארְפְט, אָבֶּער סְפֶּעצִיעֶל נָאכְן מְקוֹרָב וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. מַיין טַאטֶע אוּן מַאמֶע פִירְן זִיךְ זֵייעֶר נִישְׁט שֵׁיין צוּ מִיר, אִיךְ שְׁלִינְג אוּן שְׁלִינְג אוּן אִיךְ עֶנְטְפֶער נִישְׁט, ווִי אוֹיךְ פְּרוּבִּיר אִיךְ ווִי וֶוויינִיגֶער מַיין ווַייבּ זָאל מִיטְהַאלְטְן, אָבֶּער צוּמָאל טְרֶעט עֶס מִיר מַמָּשׁ צוּ צוּם הַאַרְץ, זֵיי בַּארֶעדְן מִיךְ אוּן מַיין ווַייבּ, מַיין ווַייבְּ'ס מִשְׁפָּחָה, מַיין טַאטֶע פַארְשֶׁעמְט מִיךְ בָּרַבִּים.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט פִיר אִיךְ זִיךְ אוֹיף זֵייעֶר שֵׁיין צוּ זֵיי, אִיךְ מַאךְ זִיךְ ווִי כְּאִילּוּ אִיךְ כַאפּ נִישְׁט, ווִי אִיךְ ווֵייס נִישְׁט אַז מַיין טַאטֶע פַארְשֶׁעמְט מִיךְ, אִיךְ טוּ זַאכְן וָואס קֵיין שׁוּם אַנְדֶערֶע זוּן וָואלְט נִישְׁט גֶעטוּן פַאר זַיינֶע עֶלְטֶערְן, אַלֶעס אַז זֵיי זָאלְן זֶען נַחַת פוּן מִיר אוּן מַיין מִשְׁפָּחָה; אִיךְ שְׁמֵייכֶל, אִיךְ שִׁיק בִּילְדֶער, אִיךְ גֶעבּ מַתָּנוֹת פַאר מַיין מַאמֶע, אִיךְ הָאבּ גֶעטוֹישְׁט מַיינֶע פְּלֶענֶער וואו צוּ זַיין בַּיי דִי סְעוּדוֹת אַז עֶס זָאל אוֹיסְקוּמֶען גוּט פַאר זֵיי, אָבֶּער מַיין טַאטֶע אִיז גֶעזֶעסְן בַּיי דִי סְעוּדוֹת אוּן חוֹזֵק גֶעמַאכְט פוּן בְּרֶסְלֶב.

אוֹיךְ שְׁפִּיר אִיךְ ווִי מַיין טַאטֶע הֶעצְט אָן מַיין מַאמֶע קֶעגְן מִיר אוּן מַיין ווַייבּ, אִיךְ

זֶע לֶעצְטְנְס אַז וֶוען אִיךְ רוּף מַיין מַאמֶע רֶעדְט זִי אַזוֹי שְׁטֶעכֶעדִיג, ווִי כְּאִילוּ אִיךְ בִּין אַ מְצוֹרָע.

עֶס אִיז דָא וָואכְן וָואס אִיךְ רוּף מַמָּשׁ נִישְׁט זָאגְן גוּט שַׁבָּת פַּאר מַיין טַאטֶע, פָּשׁוּט אִיךְ בִּין נִישְׁט אִין דִי גוּסְטֶע, עֶר מַאכְט מִיר שְׁפִּירְן ווִי דֶער גְרֶעסְטֶער בַּעַל עֲבֵירָה, אוּן אִיךְ בִּין אִים שׁוֹפֵךְ דָּם וְכוּ' וְכוּ'. אִיךְ פְרֶעג זִיךְ צוּמָאל, וַוייל עֶר אִיז מַיין טַאטֶע אוּן אִיךְ בִּין זַיין זוּן, אִיז דָא אַ הֶיתֵּר אוֹיף הַלְבָּנַת פָּנִים?!

אִיךְ קֶען שְׁרַייבְן אוּן שְׁרַייבְן אָבֶער אִיךְ וֶועל בְּלַייבְן שְׁטֵיין דָא; אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּן פַאר מִיר אָדֶער אוֹיךְ פַאר מַיינֶע גֶעשְׁווִיסְטֶער חִיזוּק וְהַדְרָכָה אִיבֶּער דֶעם, אוּן נָאכְאַמָאל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ז' אִיָּר, כ"ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶרְשְׁטְנְס זָאלְסְטוּ ווִיסְן דוּ מַאכְסְט אַ גְרוֹיסֶער טָעוּת, דַיינֶע עֶלְטֶערְן קְרִיגְן בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיפְן רֶבִּי'ן, זֵיי קְרִיגְן בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיף הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ; זֵיי הָאבְן לֵיידֶער גֶעהֶערְט לָשׁוֹן הָרָע אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, זֵיי מֵיינֶען אַז בְּרֶסְלֶב אִיז אַ פְּלַאץ פוּן נִישְׁט גוּטֶע, דֶערִיבֶּער קְרִיגְן זֵיי, אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס אַ לִיגְנְט, אוּן אוֹיף דֶעם הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קפב): "מֶען קְרִיגְט נִישְׁט אוֹיף מִיר, מֶען הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁנִיצְט אַ מֶענְטְשׁ אוּן אוֹיף אִים קְרִיגְט מֶען, אִיךְ קְרִיג אוֹיךְ אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ - זָאגְט דֶער רֶבִּי - אָבֶער אוֹיף מִיר קְרִיגְט קֵיינֶער נִישְׁט".

דַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען בַּאזָארְגְט, זֵיי צִיטֶערְן אַז זֵייעֶרֶע קִינְדֶער זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ פְּלַאץ וָואס מֶען פִירְט זִיךְ נִישְׁט מִיט דִי תּוֹרָה, נִישְׁט מִיט הֲלָכָה אוּן נִישְׁט מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, דַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען טַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, זֵיי ווִילְן נָאר דָאס גוּטְס, אַזוֹי ווִי אַלֶע עֶלְטֶערְן וָואס ווִילְן נָאר דָאס גוּטְס בַּיי זֵייעֶרֶע קִינְדֶער.

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף זֵייעֶר כָּבוֹד, גֶעבּ אַכְטוּנְג, זֵיי מְכַבֵּד דַיינֶע עֶלְטֶערְן מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס כָּבוֹד, אוּן אַז זֵיי פִירְן זִיךְ צוּ דִיר בִּיז דֶערְוַוייל נִישְׁט

שַׁיין - זָאלְסְטוּ וַוייטֶער זִיךְ פִירְן צוּ זֵיי מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס דֶרֶךְ אֶרֶץ, וַוייל אַזוֹי הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהֵייסְן; עֶס שְׁטֵייט (דְּבָרִים ה, טז): "כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ", זַיי מְכַבֵּד טַאטֶע אוּן מַאמֶע, נִישְׁט וַוייל דִי שֵׂכֶל זָאגְט אַזוֹי, נָאר "כַּאֲשֶׁר צִוְּךָ ה' אֱלֹקֶיךָ", וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעהֵייסְן.

שְׁטַארְק זִיךְ, דִי רְדִיפוֹת וֶועט דִיר צוּנִיץ קוּמֶען, אַלֶע שְׁטֶערוּנְגֶען וָואס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אוֹיפְן מֶענְטְשׁ וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם צַדִּיק - אִיז אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קפה, בְּסוֹף): "כָּל מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ יְגִיעוֹת וְטִרְחוֹת יוֹתֵר בִּתְחִלַּת הַהִתְקָרְבוּת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", וֶוער עֶס הָאט גְרוֹיסֶע מְנִיעוֹת וֶוען עֶר וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "דְּהַיְנוּ שֶׁיֵּשׁ לוֹ מְנִיעוֹת רַבּוֹת וּגְדוֹלוֹת כְּגוֹן מֵאָבִיו וְאִשְׁתּוֹ וְחוֹתְנוֹ", עֶר הָאט מְנִיעוֹת פוּן זַיין טַאטֶע, וַוייבּ אָדֶער שְׁוֶוער, "אוֹ מִשְּׁאָר בְּנֵי אָדָם שֶׁמּוֹנְעִים וּמְעַכְּבִים אוֹתוֹ מְאֹד, וּמְנִיעוֹת מֵחֲמַת מָמוֹן וְכוּ'", אָדֶער מְנִיעוֹת פוּן גֶעלְט, "הֵם טוֹבָה גְּדוֹלָה לְהָאָדָם", דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה פַארְן מֶענְטְשׁ, "כִּי עַל יְדֵי זֶה", וַוייל דוּרְכְדֶעם, "זוֹכֶה אַחַר כָּךְ לְקַבֵּל הַרְבֵּה קְדֻשָּׁה וְטָהֳרָה", אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ מְקַבֵּל זַיין שֶׁפַע קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה צוּ וֶוערְן מְקוֹרָב צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיט תְּפִלָּה וֶועסְטוּ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה, עֶס וֶועט זִיךְ עֶנְדִיגְן אַזוֹי וִוי בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן, וָואס זַיין טַאטֶע הָאט אִים זֵייעֶר גֶע'רוֹדְפְ'ט; עֶר הָאט אִים נִישְׁט אַרַיינְגֶעלָאזְט אִין שְׁטוּבּ אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעדְרֵייט אַז עֶס זָאל וֶוערְן אַ גֶט, אוּן בַּיים סוֹף הָאט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, אַזוֹי וַוייט אַז עֶר פְלֶעגְט אִים רוּפְן מִיט אַ 'רֶבִּי', ר' נָתָן, אוּן רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט אִים זָאגְן: "טַאטֶע, רוּף מִיךְ נִישְׁט 'רֶ'", הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: "פוּן דִיר הָאבּ אִיךְ דָאס מֶערְסְטֶע נַחַת".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי מַאךְ אִיךְ מַיין מַאן זָאל אוֹיפְגֶעבְּן זַיין טֶעבְּלֶעט ?

## שְׁאֵלָה :

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁטְנְס וִויל אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְק בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶעס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א טוּט; אַ גְרוֹיסְן שְׁכּחַ פַאר אַלֶע בְּרִיוֹון, שִׁיעוּרִים, אוּן חִיזּוּק, אַ גְרוֹיסְן שְׁכּחַ פַּאר דִי שֵׁיינֶע גִלְיוֹן "שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ", אִיךְ לֵיין עֶס יֶעדֶע וָואךְ.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה, אִיךְ וֶועל עֶס פְּרוּבִּירְן שְׁרַייבְּן אִין קוּרְצְן; שׁוֹין אַ שְׁטִיק צַייט וָואס מַיין מַאן הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר זוּכְט צוּ קוֹיפְן אַ טֶעבְּלֶעט, אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט דֶערְוֶועגְן וַוייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעטְרַאכְט אַז עֶס רֶעדְט זִיךְ עֶרְנְסְט, וֶוען אִיךְ הָאבּ אָבֶּער גֶעזֶען אַז עֶר הָאט עֶס לְמַעֲשֶׂה גֶעקוֹיפְט, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט אַז אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר מוֹרָא פוּן דֶעם אוּן אִיךְ הַאלְט אַז אַ טֶעבְּלֶעט אִיז נִישְׁט קַיין גוּטֶע זַאךְ, אָבֶּער עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען צוּ שְׁפֶּעט וַוייל עֶר הָאט עֶס שׁוֹין גֶעקוֹיפְט.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן אוּן אִיךְ הָאבּ שְׁטַארְק גֶעוֵויינְט אַז אִיךְ וִויל עֶס נִישְׁט הָאבְּן, מִיר הָאבְּן עֶס פְּרוּבִּירְט אַדוּרְכְצוּשְׁמוּעֶסְן צוּ זֶען וָואס מֶען קֶען טוּן, מַיין מַאן הָאט מִיר מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז אִיךְ בִּין אַזוֹי דֶערְקֶעגְן, וֶוען יָא וָואלְט עֶר עֶס נִישְׁט גֶעקוֹיפְט, עֶר הָאט מִיר עֶרְקְלֶערְט אַז עֶר פִילְט ווִי עֶר דַארְף עֶס הָאבְּן צוּ קֶענֶען עֶרְלֶעדִיגְן זַאכְן, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין נִמְאָס פוּן נוּצְן מֶענְטְשְׁנְ'ס טוֹבוֹת אָדֶער גֵיין אִין קִיאַסְק וָואס אִיז נִישְׁט אַזוֹי בַּאקְוֶועם.

שְׁכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ אַזַא גוּטֶער אוּן וואוֹילֶער מַאן וָואס רֶעדְט אַלֶעמָאל שֵׁיין צוּ מִיר, עֶר הָאט מִיר צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט טוּן אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט אַז אִיךְ זָאל זַיין צוּפְרִידְן אוּן מֶען גֵייט עֶס אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם מַאכְן אַרְבֶּעטְן.

עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ צַייט אֵיין מָאל אַ טָאג וָואס עֶר נוּצְט עֶס אוּן דִי אִיבְּרִיגֶע צַייט לִיגְט עֶס אַוֶועקְגֶעלֵייגְט, אִיךְ בִּין אָבֶּער נָאכְאַלְץ נִישְׁט צוּפְרִידְן, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר מוֹרָא פוּן דֶעם.

לְמַעֲשֶׂה הָאבְּן מִיר נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן אַ וֶועג דָאס צוּ מַאכְן אַרְבֶּעטְן, וַוייל אִיךְ וִויל נִישְׁט בִּכְלַל דֶעם טֶעבְּלֶעט אוּן אִיךְ וֶועל זַיין צוּפְרִידְן אַז מֶען וַוארְפְט עֶס אַוֶועק, מַיין מַאן וֶועט אָבֶּער נִישְׁט זַיין צוּפְרִידְן פוּן דֶעם. אִיךְ הָאבּ זִיךְ פְּרוּבִּירְט צוּ צוּגֶעוואוֹינֶען אַז דָאס אִיז דִי מְצִיאוּת אָבֶּער אִיךְ בִּין נָאכְאַלְץ נִישְׁט רוּאִיג.

מִיר הָאבְּן אָפְּגֶעמַאכְט אַז מִיר גֵייעֶן פְרֶעגְן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס צוּ טוּן. עֶס וֶועט אוּנְז שְׁטַארְק אַרוֹיסְהֶעלְפְן אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט אוּנְז קֶענֶען גֶעבְּן אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי דָאס צוּ מַאכְן אַרְבֶּעטְן אַז מִיר זָאלְן בֵּיידֶע זַיין צוּפְרִידְן.

אַ רִיזִיגְן יְיַשֵׁר כֹּחַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַאר אַלֶעס, יְיַשֵׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר מַיין טַייעֶרֶער מַאן, עֶס אִיז אוּנְז בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַזוֹי גוּט אוּן גֶעשְׁמַאק צוּזַאמֶען, אוּנְזֶער שְׁטוּב אִיז מַמָּשׁ אַ גַן עֵדֶן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת בְּהַר, י"א אִיָּיר, כ"ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו, דָא אִיז אַ בְּרִיוו פַאר אַייעֶר מַאן.**

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין וַוייבּ הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז עֶנְק ווילְן וִויסְן וָואס אִיז רִיכְטִיג בִּנוֹגֵעַ דִי טֶעבְּלֶעט וָואס דוּ הָאסְט גֶעקוֹיפְט; זִי אִיז נִישְׁט רוּאִיג, זִי ווִיל נִישְׁט הָאבְּן אִין שְׁטוּב קַיין טֶעבְּלֶעט, קַיין שׁוּם זַאךְ - אֲפִילוּ וָואס אִיז גֶעפִילְטֶערְט. דוּ זָאגְסְט אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּצוּקוּמֶען צוּ טוֹבוֹת פוּן מֶענְטְשְׁן וְכוּ' אָדֶער צוּ גֵיין אִין קִיאַסְק וָואס אִיז נִישְׁט בַּאקְוֶועם; עֶנְק וִוילְן וִויסְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט עֶנְק צוּ זָאגְן.

לִיבֶּער טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, עֶרְשְׁטֶנְס זָאלְסְטוּ טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אַזַא מַתָּנָה, אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, אַ קְלוּגֶע אוּן אַ פְרוּמֶע. גְלֵייבּ מִיר, נָאכְן הֶערְן יֶעדְן טָאג צָרוֹת יִשְׂרָאֵל, וִוי אִינְגֶעלַייט וֵויינֶען זִיךְ אוֹיס אוֹיף זֵייעֶר לֶעבְּן וְכוּ' וְכוּ', קֶען אִיךְ דִיר זָאגְן: "נִישְׁטָא קַיין בֶּעסֶערֶע מַתָּנָה פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, אַ פְרוֹי וָואס אִיז שְׁטַארְק מִיט אִירֶע פְּרִינְצִיפְּן צוּ הַאלְטְן דִי שְׁטוּב רֵיין אוּן הֵיילִיג".

לִיבֶּער בְּרוּדֶער עֶס לוֹינְט צוּ הַאלְטְן דִי שְׁטוּב רֵיין אוּן אָפְּגֶעהִיטְן; אֲפִילוּ עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג, מֶען דַארְף אָנְקוּמֶען צוּ טוֹבוֹת פוּן מֶענְטְשְׁן אוּן גֵיין צוּ אַ קִיאַסְק וָואס אִיז נִישְׁט דִי בַּאקְוֶועמְסְטֶע וְכוּ' - אַבִּי דִי שְׁטוּב זָאל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן אוּן דִי קִינְדֶער זָאלְן וַואקְסְן עֶרְלִיךְ. מוֹהֲרַ"ש הָאט אַזוֹיפִיל

גֶערֶעדְט אוּן גֶעשְׁרִיבְּן מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן אִין שְׁטוּבּ קַיין שׁוּם כְּלִי וָואס מֶען קֶען אָנְקוּמֶען צוּ נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן, וַוייל דָאס רַייסְט אוֹיס יֶעדֶעס בִּיסְל גוּטְס וָואס אִיז דָא, אוּן עֶס אִיז אַ סַכָּנָה פַאר דִי עֶלְטֶערְן אוּן פַאר דִי קִינְדֶער.

בַּיי דֶעם פַאל אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן (בְּרֵאשִׁית כא, יב): "כֹּל אֲשֶׁר תֹּאמַר אֵלֶיךָ שָׂרָה שְׁמַע בְּקֹלָהּ", הֶער זִיךְ צוּ וָואס דַיין וַוייבּ זָאגְט דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְוָואס נָאר אוּנְז הָאבְּן נִישְׁט קַיין אֵייגֶענֶע דִירָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי לִיכְטִיגֶע שִׁיעוּרִים, עֶס אִיז מַמָּשׁ מְחַיֶּה נְפָשׁוֹת בָּרוּךְ הַשֵּׁם, יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

אִיךְ שְׁפִּיר וִוי מַיין לֶעבְּן אִיז מִיר גֶעוָוארְן בִּיטֶער בִּיטֶער שְׁוֶוער. מִיר זֶענֶען אַ יוּנְגֶע קָאפְּל, חֲתוּנָה גֶעהַאט אַפָּאר יָאר, מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין אֵייגֶענֶע דִירָה, דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז בִּיטֶער שְׁוֶוער צוּ קוֹיפְן אַ דִירָה, דִי פְּרַייז אִיז גָאר טַייעֶר, אֲפִילוּ מִיט דִי הִילְף פוּן בֵּיידֶע זַייטְן עֶלְטֶערְן, אוּן דָא הוֹיבְּט זִיךְ אָן אוּנְזֶער פְּרָאבְּלֶעם.

מַיין מַאנְ'ס מִשְׁפָּחָה הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם גֶעלְט, מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶעבְּרֶענְגְט אַבִּיסְל אַ קְלֵיינֶע סוּמֶע, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן כָּאטְשׁ גֶעוִויזְן אַז זֵיי אִינְטֶערֶעסִירְן זִיךְ אִין אוּנְז, זֵיי פְּרוּבִּירְן כָּאטְשׁ צוּ הֶעלְפְן, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט שְׁפִּיר אִיךְ וִוי אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ פַיינְט מַיין מַאנְ'ס עֶלְטֶערְן, עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט זֵיי מַמָּשׁ גָארְנִישְׁט פוּן אוּנְז, מַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער הַאלְטְן מַמָּשׁ נִישְׁט בַּיים גֶעבְּן עֶפֶּעס. אִיךְ שְׁפִּיר מַמָּשׁ וִוי אִיךְ גֵיי אוֹיס פַאר קִנְאָה פַאר מֶענְטְשְׁן וָואס זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן גֶעבְּן זֵיי גֶעלְט, אוּן זֵיי הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע הוֹיז.

דִי גְרֶעסֶערֶע פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז מַיין שְׁוִויגֶער גֶעבְּט יָא אוּן הֶעלְפְט יָא גָאר אַסַאךְ פַאר מַיין מַאנְ'ס בְּרִידֶער, זִי קוֹיפְט זֵיי אוּן גֶעבְּט זֵיי נָאכְאַנַאנְד זַאכְן אוּן דַאֲגָה'ט

פַאר זֵיי. זִי הָאט אוּנְז בִּכְלַל נִישְׁט לִיבּ, אִיךְ שְׁפִּיר אַז קֵיינֶער הָאט אוּנְז נִישְׁט לִיבּ בַּיי מַיין מַאנְ'ס זַייט. וַוייל מִיר הָאבְּן נָאכְנִישְׁט אַ דִירָה, זֶענֶען מִיר גָארְנִישְׁט וֶוערְד; וָואס טוּ אִיךְ? אִיךְ הָאבּ זֵיי נִישְׁט לִיבּ, אִיךְ הָאבּ פַּיינְט מַיין מַאנְ'ס עֶלְטֶערְן.

אִיךְ וִויל נִישְׁט קוּמֶען אוֹיף שַׁבָּת וַוייל מַיין שְׁוֶוער אִיז אַ גְרוֹיסֶער קַמְצָן, דִי לֶעקְטֶער פַארְלֶעשְׁט זִיךְ דָארְט מִיט אַ זֵייגֶער אִינְמִיטְן דִי סְעוּדָה, אוֹיךְ דִי עֶירְקָאנְדִישָׁאן, פּוּנְקְט פַארְקֶערְט פוּן דִי גְרוֹיסֶע שֶׁפַע וָואס גֵייט פָאר בַּיי מַיין טַאטֶע, מַיין מַאן וִויל אָבֶּער יָא גֵיין.

וָואס טוּט מֶען? אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ אַזוֹי שְׁלֶעכְט, אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיךְ הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע הוֹיז דָא אִין שְׁטָאט, אָבֶּער עֶס קָאסְט צְוֵויי מִילְיָאן שֶׁקֶל, זָאלְן מִיר זִיךְ רַייסְן מִיט חוֹבוֹת? אָדֶער וַוארְטְן בִּיז וֶוען? אַן הַגְרָלָה אוֹיף דִירוֹת אוּן אַבִּיסְל מֶער בִּילִיג אָבֶּער עֶס אִיז גְרֵייט נָאךְ אַסַאךְ יָאר? אִיךְ הָאבּ מוֹרָא צוּ אַרַיינְגֵיין אִין טִיפֶע חוֹבוֹת, ווִי אוֹיךְ אִיז גָאר אַ סַכָּנָה דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיט דִי בַּאנְק.

בִּיטֶע אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען אוּנְז גֶעבְּן אַ גוּטֶע עֵצָה אוּן אַן עֶנְטְפֶער, אִיךְ וַוארְט זֵייעֶר אוֹיף דֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּהַר, ט״ו אִיָּר, ל׳ לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**אִיךְ פַארְשְׁטֵיי מַמָּשׁ נִישְׁט וָואס דִי צָרָה אִיז אוּן אוֹיף וָואס דִי גֶעוַויינֶען זֶענֶען; וָואס הָאט אַ גוּט לֶעבְּן צוּ טוּן מִיט הָאבְּן אַן אֵייגֶענֶע דִירָה? מֶען קֶען הָאבְּן אַן אֵייגֶענֶע דִירָה אוּן גָארְנִישְׁט הָאבְּן, אוּן מֶען קֶען לֶעבְּן אַ זִיסֶע לֶעבְּן אָן הָאבְּן אַן אֵייגֶענֶע דִירָה; אִיז וָואס אִיז דָאס גֶעוַויין אוּן דָאס גֶעשְׁרֵיי אוֹיף נַארִישְׁקֵייטְן.**

**עֶס אִיז אַ סַכָּנָה זִיךְ אָפְּצוּרֶעדְן אוּן צוּ קְרֶעכְצְן; אַז מֶען וֵויינְט אוֹיף גָארְנִישְׁט בְּרֶענְגְט דָאס שְׁוֶועֶרֶע צָרוֹת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן** (בַּמִּדְבָּר רַבָּה טז, כ) **דִי אִידְן הָאבְּן גֶעוֵויינְט בַּיי דִי מְרַגְּלִים, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי גֶעזָאגְט: "אַתֶּם בְּכִיתֶם בְּכִיָּה שֶׁל חִנָּם לְפָנַי", עֶנְק הָאבְּן גֶעוֵויינְט**

אוּמְזִיסְטִיגֶע גֶעוויין, "אֲנִי אֶקְבַּע לָכֶם בְּכִיָּה לְדוֹרוֹת", אִיךְ וֶועל עֶנְק מַאכְן וֵויינֶען אוֹיף אַלֶע דוֹרוֹת; וֶוען מֶען וֵויינְט אוֹיף גָארְנִישְׁט מִיט נִישְׁט, בְּרֶענְגְט מֶען שְׁוֶועדֶע צָרוֹת, אוֹיךְ בְּרֶענְגְט דָאס אַלֶע עֲבֵירוֹת. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב סִימָן ז, אוֹת יא): "כִּי בְּזֶה הַחֵטְא וְהַפְּגָם", וַוייל אַז מֶען וֵויינְט אוּמְזִיסְט אוֹיף גָארְנִישְׁט אוּן אוֹיף נִישְׁט, מֶען קֶרֶעכְצְט אוּן מֶען רֶעדְט זִיךְ אָפּ - "תְּלוּיִים כָּל הָעֲוֹונוֹת", דָאס בְּרֶענְגְט אַלֶע עֲבֵירוֹת, "כּוֹלֵל כָּל הַחֲטָאִים", דָאס אִיז אַזוֹי הַארְבּ וִוי אַלֶע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן. דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "כְּפִי מַה שֶּׁזּוֹכֶה לִפְעֹל בַּקָּשַׁת סְלַח נָא", אוּן אַז מֶען אִיז מְתַקֵּן דִי פְּגַם, מֶען הֶערְט אוֹיף וֵויינֶען, מֶען רֶעדְט זִיךְ נִישְׁט אָפּ, מֶען דַאנְקְט אוּן מֶען לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - "מִזֶּה נַעֲשֶׂה בְּחִינַת חֲנֻכַּת הַבַּיִת", קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ אַ נַייעֶ שְׁטוּבּ, בַּאקוּמֶען אַן אֵייגֶענֶע הוֹיז.

דָאס וָואס אִיר שְׁפִּירְט וִוי דָאס לֶעבְּן אִיז אַייךְ בִּיטֶער בִּיטֶער - דָאס הָאט נִישְׁט מִיט דִי דִירָה, דָאס אִיז דִי קִנְאָה וָואס מַאכְט חָרוּב אַייעֶר לֶעבְּן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קנב:): "כָּל מִי שֶׁיֵּשׁ בּוֹ קִנְאָה, עַצְמוֹתָיו מַרְקִיבִין", וֶוער עֶס אִיז מְקַנֵּא אַ צְווייטְן - וֶוערְן זַיינֶע בֵּיינֶער פַארְפוֹילְט; מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט, אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף לֶעבֶּעדִיגֶע מֶענְטְשְׁן, קִנְאָה מַאכְט דָאס לֶעבְּן אוֹיס, מֶען עֶסְט זִיךְ אוֹיף לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט, אוּן דָאס מַאכְט מֶען זָאל לִיבּ הָאבְּן דִי אַנְדֶערֶע גֶעשְׁוִוסְטֶער אוּן אַייךְ נִישְׁט, קִנְאָה שְׁטוּפְּט אַוֶועק אַהֲבָה, אִיר דַארְפְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֵיינֶעם נִישְׁט מְקַנֵּא זַיין, אִיךְ זָאל זַיין צוּפְרִידְן מִיט מַיין לֶעבְּן", אוֹיךְ זָאלְט אִיר עֶסְן יֶעדְן טָאג אַפָּאר שְׁטִיקְלֶעךְ קְנָאבְּל, דָאס אִיז אַ סְגוּלָה אַוֶועק צוּ נֶעמֶען קִנְאָה אוּן אַ סְגוּלָה מֶען זָאל זִיךְ אַלֵיין לִיבּ הָאבְּן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אַהֲבָה, סִימָן יא): "הַשּׁוּם מְסֻגָּל לְאַהֲבָה", עֶסְן קְנָאבְּל אִיז אַ סְגוּלָה צוּ זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, אוּן קֵיינֶעם נִישְׁט מְקַנֵּא זַיין.

וִוי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט אַז מֶענְטְשְׁן קוּמֶען אִים עֶפֶּעס - אִיז אַ גְרוֹיסֶע רַחְמָנוּת אוֹיף אִים; מֶען וֶוערְט פוּן דֶעם חָרוּב. אַז עֶלְטֶערְן הֶעלְפְן דִי קִינְדֶער מִיט אַ הוֹיז, מִיט גֶעלְט וְכוּ' - אִיז דָאס אַ שֵׁיינֶע זַאךְ; דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז זֵיי דַארְפְן דָאס טוּן, אוּן אַז זֵיי גֶעבְּן פַאר אַ טֵייל קִינְדֶער יָא אוּן פַאר אַ טֵייל

קִינְדֶער נִישְׁט – קֶען מֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין טַעֲנוֹת, מֶען דַארְף זֵיי וַוייטֶער מְכַבֵּד זַיין אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דִי גֶעלְט אוּן דִי הוֹיז אוּן אַזוֹי וַוייטֶער – אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיר זָאלְט וַוייטֶער גֵיין אוֹיף שַׁבָּתִים צוּ זַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן זֵיי מְכַבֵּד זַיין, אוּן טוּט נִישְׁט וֵויי אַייעֶר מַאן, רֶעדְט נִישְׁט צוּ אִים קֶעגְן זַיינֶע עֶלְטֶערְן; עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה אוּן אַ גְרוֹיסֶע שְׁטוּת פוּן דִי וַוייבְּלֶעךְ וָואס הֶעצְן אוֹיף זֵייעֶר מַאן קֶעגְן זֵייעֶר טַאטֶע מַאמֶע, דָאס מַאכְט חָרוּב דִי שָׁלוֹם בַּיִת, מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי תְּפִלָּה:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל זַיין דַאנְקְבַּאר פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אִיךְ זָאל נִישְׁט מֵיינֶען אַז עֶס קוּמְט מִיר עֶפֶּעס. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אוֹיסְאַרְבֶּעטְן מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת, אִיךְ הַאלְט אַז אַלֶע קוּמֶען מִיר, אַלֶע דַארְפְן מִיר טוּן, אַלֶע דַארְפְן מִיר מַאכְן. אוֹיךְ דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה פוּן קִנְאָה; אִיךְ וֶוער אוֹיפְגֶעגֶעסְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט הֲנָאָה פוּן לֶעבְּן.

אָנָּא הַשֵּׁם, אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, רַחֵם עָלַי, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה צוּ גְלֵייבְּן אַז דוּ טוּסְט אַלֶעס, דוּ בִּיסְט אַלֶעס, אַלֶעס קוּמְט פוּן דִיר אוּן נָאר צוּ דִיר דַארְף מֶען זִיךְ וֶוענְדְן".

אַזוֹי זָאלְט אִיר בֶּעטְן, אוּן לֵייגְט צוּ אַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת, בִּיז עֶס וֶועט אַייךְ גוּט וֶוערְן אִין לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מַאכְן אַן אָפֶּעראַצְיֶע צוּ פַארְלִירְן וָואג?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין זֵייעֶר פֶּעשׁ, און דָאס אָטֶעמֶען וֶוערְט מִיר שְׁוֶוער אַסַאךְ מָאל צוּלִיב דֶעם. אִיךְ צִיטֶער מַמָּשׁ אַז אִיךְ גֵיי שְׁטַארְבְּן.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן דִי מַחֲשָׁבוֹת? און וָואס הַאלְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועגְן מַאכְן אַן אַפֶּערַאצְיֶע צוּ פַארְלִירְן וָואג?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַר, ט"ו אִיָּיר, ל' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ זִיךְ אַפֶּערִירְן, זִיךְ צוּ שְׁנֵיידְן (סְלִיוְון) - צוּלִיב דַיין גֶעזוּנְט; אוֹיבּ דֶער דָאקְטֶער זָאגְט דִיר אַז דוּ בִּיסְט אִין אַ סַכָּנָה פוּן אִיבֶּערְוָואג און מֶען דַארְף אַפֶּערִירְן - זָאלְסְטוּ זִיךְ אַפֶּערִירְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**וָואלְט זִי גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ, וָואלְט אַלֶעס גֶעוֶוען הֶערְלִיךְ**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּהַר, י"א אִיָּר, כ"ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר מֶעסֶעדְזְשׁ.

דִי פְרוֹי מָרַת ... תִּחְיֶ' הָאט אֵיין גְרוֹיסֶע פְּרָאבְּלֶעם, זִי אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ; דָאס מַאכְט אִיר טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְט אוֹיף אִיר מַאן, וֶוען בֶּאֱמֶת אִיז דֶער אִינְגֶערְמַאן אַ טֵייעֶרֶע גָאלְדֶענֶע מֶענְטְשׁ, זִי הָאט אַ טֵייעֶרֶער מַאן, עֶר אִיז אַ פְרֵיילִיכֶער, עֶר הָאט אִיר נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט וֵויי גֶעטוּן, עֶר הָאט נָאר מַעֲלוֹת.

דָאס וָואס שְׁטֶערְט אִיר אַז עֶר הָאט מֶער טְרָאסְט אִין זַיינֶע עֶלְטֶערְן וִוי אִין אִיר, דָאס אִיז נִישְׁט זַיין פְּרָאבְּלֶעם; מֶען דַארְף אִיר לֶערְנֶען אַז פְּרִיוַואטֶע זַאכְן צְוִוישְׁן אִיר אוּן אִיר מַאן - דֶערְצֵיילְט מֶען נִישְׁט פַאר קֵיינֶעם, אוּן אַז זִי וֶועט וִויסְן וָואס מֶען רֶעדְט יָא אוּן וָואס נִישְׁט - וֶועט עֶר אִיר דֶערְצֵיילְן אַלֶעס, אוּן צוּבִּיסְלִיךְ בַּאקוּמֶען אַ טְרָאסְט.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, רֶעדְט צוּ דִי פְרוֹי, זַייט אִיר מְחַזֵק, עֶס פֶעלְט אִיר נָאר דִי אֵיין זַאךְ, עֶס פֶעלְט אִיר שִׂמְחָה; וָואלְט זִי גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ - וָואלְט אַלֶעס גֶעוֶוען הֶערְלִיךְ. אַסַאךְ פְרוֹיעֶן וָואלְטְן זִיךְ גֶעוִוינְטְשְׁן צוּ הָאבְּן אַזַא עֶרְלִיכֶער מַאן, אַ יְרֵא שָׁמַיִם, מִיט גָאלְדֶענֶע מִידוֹת וְכוּ' וְכוּ', אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ אִיז נַארִישְׁקֵייטְן; בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט רֶעדְן צוּ אִיר אוּן אִיר מְחַזֵק זַיין זִי זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ.

עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ מְחַזֵק זַיין וַוייבְּלֶעךְ וָואס הַאלְטְן בַּיים

אָנְהוֹיבּ פוּן בּוֹיעֶן זֵייעֶר שְׁטוּבּ, זֵייעֶר לֶעבְּן; זֵיי זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן אוֹיסֶער זִיךְ אוֹיבּ דֶער מַאן אִיז נִישְׁט פִּינְקְט וִוי זֵייעֶר חָלוֹם אִיז, זֵיי זָאלְן קוּקְן אוֹיף דִי עִקָּרִים אִין לֶעבְּן; אוֹיף יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אוֹיף דָאס גוּטְס.

בִּזְכוּת וָואס מֶען טוּט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס קִינְדֶער אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְּן נַחַת בַּיי דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זִיךְ פִירְן צוּ מֶענְטְשְׁן מִיט גוּטְנְס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּהַר, י"א אִיָּר, כ"ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר**

שַׁבָּת אִין יְשִׁיבָה אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין, מֶען הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי בַּיי סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט מַעֲשֶׂה ד, מַעֲשֶׂה נִיסִים, אַז דֶער קֶענִיג וָואס הָאט גֶעפִירְט דִי מְדִינָה שַׁארְף אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, אוּן זַיין זוּן אִיז גֶעוָוארְן קֶענִיג אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פִירְן דִי מְדִינָה מִיט גוּטְנְס, וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי מֶען הָאט גֶעוָואלְט אוֹיסְרַייסְן זַיין טַאטֶע. מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אַז דֶער רֶבִּי וִויל אוּנְז דָא לֶערְנֶען מֶען זָאל זִיךְ פִירְן צוּ מֶענְטְשְׁן מִיט גוּטְנְס, נִישְׁט מִיט דִי שַׁארְפֶע וֶועג; סַיי מִיט דִי וַוייבּ, סַיי מִיט דִי קִינְדֶער אוּן מִיט חֲבֵרִים, זִיךְ פִירְן וֵוייךְ, זִיס אוּן גוּט, וַוייל מֶענְטְשְׁן הָאבְּן מֶער לִיבּ דִי וֶועג. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן כט): "טוֹב הַכֹּל חֲפֵצִים", יֶעדֶער הָאט לִיבּ צוּ הֶערְן אַ גוּט וָוארְט, יֶעדֶער הָאט לִיבּ דִי פְרֵיילִיכֶע וֶועג, דִי זִיסֶע וֶועג, אוּן אוֹיבּ מֶען זֶעט אַז מֶען הָאט יָא גֶע'פּוֹעֶל'ט מִיט שְׁלֶעכְטְס, זָאל מֶען וִויסְן אַז מִיט גוּטְן וָואלְט מֶען בֶּעסֶער אָנְגֶעקוּמֶען.

אוֹיךְ הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן דֶעם וָואס דֶער מֶלֶךְ הָאט גֶעפְרֶעגְט בַּיי דִי שְׁטֶערְן זֶעעֶרְס פוּן וָואס עֶר זָאל זִיךְ הִיטְן, הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט: "פוּן אַן

אָקְס און פון אַ לֶעמֶעלֶע וְכוּ'"; מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אַז מֶענְטְשְׁן זוכְן וֶועגְן ווי מֶען קֶען זַיין פַארְזִיכֶערְט צו בְּלַייבְּן לֶעבְּן, פַארְזִיכֶערְט מִיט גֶעלְט, פַארְזִיכֶערְט מִיט דִי קִינְדֶער; דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג צו זַיין פַארְזִיכֶערְט אִיז - אַז מֶען גֵייט יֶעדְן טָאג אִין שׁוּל אָנְטוּן טַלִית און תְּפִילִין, וָואס וֶוערְט גֶעמַאכְט פוּן אַן אָקְס און פון אַ לֶעמֶעלֶע, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי פִירְט אוֹיס דִי מַעֲשֶׂה, אַז דָאס אִיז דִי זַאךְ פון שׁוֹר וָשֶׂה, נָאר דָאס אִיז זִיכֶער; נָאר טַלִית וּתְפִילִין, שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, תּוֹרָה וּתְפִלָּה - דָאס אִיז וָואס הַאלְט דִי דוֹרוֹת הַבָּאִים.

שַׁבָּת בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט דִי תּוֹרָה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קפד): "כְּשֶׁאֶחָד מְדַבֵּר עִם חֲבֵרוֹ בְּיִרְאַת שָׁמַיִם נַעֲשֶׂה אוֹר יָשָׁר וְאוֹר חוֹזֵר", וֶוען מֶען רֶעדְט מִיט אַ חַבֵר פון יִרְאַת שָׁמַיִם וֶוערְט לִיכְטִיג פַאר דֶעם חַבֵר און אוֹיךְ וֶוערְט אִים אַלֵיין אוֹיךְ לִיכְטִיג, און אַמָאל קֶען זַיין וֶוען דֶער חַבֵר אִיז בְּקַטְנוּת הַדַעַת און דִי דִיבּוּרִים רֶעדְן נִישְׁט צוּ יֶענֶעם, אִיז אָבֶער דָא דֶער אוֹר חוֹזֵר, און פַארְן מֶענְטְשׁ אַלֵיין וֶוערְט זַייעֶר לִיכְטִיג; מִיר הָאבְּן זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען מֶען זָאל אִין שְׁטוּבּ אַלְץ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן", און וֶוען דִי וַוייבּ קְרֶעכְצְט: "וָואס וֶועט זַיין?" זָאל מֶען זָאגְן: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז נִישְׁט פַארְלָאזְן", און אַז זִי וִויל נִישְׁט אָנְנֶעמֶען דִי וֶוערְטֶער - אִיז אוֹיךְ כְּדַאי, ווייל דֶער אוֹר חוֹזֵר אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג, מֶען בַּאקוּמְט זַייעֶר אַסַאךְ חִיזוּק און אֱמוּנָה, זֵייעֶר אַסַאךְ בִּטָּחוֹן - וֶוען מֶען זָאגְט פַאר אַ צְוֵוייטְן דִי יִרְאַת שָׁמַיִם וֶוערְטֶער: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז נִישְׁט פַארְלָאזְן", און דֶער רֶבִּי זָאגְט אִינְטֶערֶעסַאנְט: "אִם הָיָה מְדַבֵּר אֵלּוּ הַדִּבּוּרִים בֵּינוֹ לְבֵין עַצְמוֹ", וָואלְט דֶער מֶענְטְשׁ גֶעזָאגְט צוּ זִיךְ אַלֵיינְס 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן', "יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁלֹּא הָיָה מִתְעוֹרֵר מֵהֶם כְּלָל", קֶען זַיין עֶס וָואלְט אִים נִישְׁט גֶעשְׁטַארְקְט, עֶס וָואלְט אִים נִישְׁט לִיכְטִיג גֶעמַאכְט, "וְעַל יְדֵי שֶׁדִּבְּרָם לַחֲבֵרוֹ, נִתְעוֹרֵר מֵהֶם", אָבֶער וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ אַנְדֶערֶע, מֶען שְׁטַארְקְט יֶענֶעם מִיט דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה - "אַף שֶׁחֲבֵרוֹ לֹא נִתְעוֹרֵר", אֲפִילוּ דֶער חַבֵר וֶוערְט נִישְׁט אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פון דִי שְׁמוּעֶס, "כִּי חָזְרוּ אֵלָיו", קוּמְט עֶס אָבֶער צוּרִיק צוּ אִים, און עֶר וֶוערְט אַ נֵייעֶר מֶענְטְשׁ פוּל מִיט אֱמוּנָה.

דָאס אִיז וָואס רַשִׁ״י זָאגְט דִי וָואכֶעדִיגֶע פַּרְשָׁה, ״אֱמוֹר וְאָמַרְתָּ, 'לְהַזְהִיר גְּדוֹלִים עַל הַקְּטַנִּים'״, לְהַזְהִיר אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן שַׁיינֶען, פוּן לִיכְטִיג וֶוערְן; וִוי אַזוֹי קֶען מִיר וֶוערְן לִיכְטִיג? וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַרַיינְנֶעמֶען אִין מִיר אַז וָואס אִיךְ גֵיי יֶעצְט אַרִיבֶּער אִיז נִישְׁט עֶק וֶועלְט? - לְהַזְהִיר גְּדוֹלִים, וִוי אַזוֹי? עַל הַקְּטַנִּים, רֶעד צוּ אַ צְוֵוייטְן, אֲפִילוּ יֶענֶער אִיז בִּבְחִינַת קְטַנִּים, קַטְנוּת הַדַּעַת - וֶועט דִיר אָבֶּער וֶוערְן לִיכְטִיג.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, וִויפִיל זֶענֶען מִיר שׁוּלְדִיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִים צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן פַאר דִי חֶסֶד אַז מִיר וֵוייסְן פוּן רֶבִּי'ן, מִיר קְרִיגְן נִישְׁט אוֹיפְן רֶבִּי'ן, מִיר הָאבְּן דִי סְפָרִים, דִי עֵצוֹת, דִי תַּלְמִידִים; מִיר דַארְפְן נָאר פָאלְגְן דִי עֵצוֹת, לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן פָאלְגְן - וֶועלְן מִיר זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## רוּפְן אוּן טֶעקְסְטְן טוֹיזְנְט מָאל וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ז' אִיָּר, כ״ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ זָאג אַייךְ נָאכְאַמָאל, אַייעֶר מַאן אִיז נִישְׁט שְׁלֶעכְט, עֶר אִיז נִישְׁט פַארְדָארְבְּן, עֶר גֵייט נִישְׁט צוּ שְׁלֶעכְטֶע פְלֶעצֶער, עֶר אִיז פָּשׁוּט צֶעבְּרָאכְן פוּן זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, דָאס מַאכְט אִים אוֹיסְדְרֵייעֶן דֶעם סֵדֶר הַיּוֹם, שְׁלָאפְן בַּייטָאג אוּן זַיין אוֹיף בַּיינַאכְט, אוּן אוֹיבּ אִיר וֶועט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיר וֶועט הָאבְּן סַבְלָנוּת - וֶועט אִיר זֶען וִוי אַלֶעס וֶועט זִיךְ טוֹישְׁן.

בִּיז דֶערְוַוייל זָאלְט אִיר זִיךְ מַאכְן אַ גֶעהֶערִיגֶע סֵדֶר הַיּוֹם, גֵייט שְׁלָאפְן אִין צַייט, וַוארְטְס נִישְׁט בִּיז דְרֵיי פִיר אַזֵייגֶער פַארְטָאגְס, עֶס וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן אַז אִיר וֶועט אוֹיף בְּלַייבְּן בַּיינַאכְט בִּיז אַייעֶר מַאן קוּמְט אַהֵיים, אוֹיךְ וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן דָאס רוּפְן טוֹיזְנְט מָאל, טֶעקְסְטְן טוֹיזְנְט מָאל. דָאס אִיז

גוט וֶוען עֶס פַּאסִירְט אַמָאל אַמָאל, וֶוען דֶער מַאן פַּארְזוּימְט זִיךְ; אִים צוּ רוּפְן, אִים דֶערְמַאנֶען אַז אֵיינֶער וַוארְט אוֹיף אִים אִין שְׁטוּבּ. אַז עֶס פַּאסִירְט אַמָאל דֶעמָאלְט בְּלַייבְּט מֶען אוֹיף, מֶען וַוארְט אָפּ דֶעם מַאן. אִין אַייעֶר פַּאל וֶוען זַיין סֵדֶר הַיּוֹם אִיז אוֹיסְגֶעדְרֵייט, עֶר שְׁלָאפְט בַּייטָאג, עֶר שְׁטֵייט אוֹיף פַּארְנַאכְטְס אוּן עֶר גֵייט אַרוֹיס פַּאר דִי נַאכְט - וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן דָאס אוֹיסְוַוארְטְן אוּן דָאס רוּפְן אוּן טֶעקְסְטְן. עֶנְדֶערְשׁ זָאלְט אִיר זִיךְ מַאכְן אַ גֶעהֶערִיגֶע סֵדֶר הַיּוֹם, גֵיין שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ.

דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז יֶעדֶער אִיז גֶעזוּנְט, דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז יֶעדֶער אִיז עֶרְלִיךְ, דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר זֶענְט חֲתוּנָה גֶעהַאט, מִיט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, אוּן נָאכְן דַאנְקֶען זָאלְט אִיר בֶּעטְן פַּאר אַייעֶר מַאן עֶר זָאל הָאבְן אַ סֵדֶר הַיּוֹם. בֶּעטְס עֶס מִיט רַחְמָנוּת, נִישְׁט מִיט עַצְבוּת, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ מַתְּנַת חִנָּם, נִישְׁט אַז עֶס מוּז אַזוֹי זַיין, אוּן וַוארְטְס מִיט גֶעדוּלְד אוֹיף דִי יְשׁוּעָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּ זַיין אִין מִירוֹן לַ״ג בָּעֹמֶר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּהַר, י״ב אִיָּר, כ״ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּ זַיין אִין מִירוֹן לַ״ג בָּעֹמֶר, בַּיים תַּנָּא אֱלֹקַי רֶבִּי שִׁמְעוֹן.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ הַיינְט גֶעטְרָאפְן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין בְּנֵי בְּרַק, קוֹדֶם בִּין אִיךְ גֶעוֶוען בַּאזוּכְן דִי חֵדֶר, גֶערֶעדְט מִיט דִי קִינְדֶער אוּן מִיט דִי מְלַמְּדִים.

נָאכְדֶעם בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען דַאוֶונֶען אִין אוּנְזֶער שׁוּל מִנְחָה מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן גֶעזָאגְט אַ שְׁמוּעֶס פוּן חִיזוּק אוּן עֵצוֹת אוֹיף עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, וָואס מִיר הָאבְן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרַ״אשׁ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּ אֵיינֶע פוּן דִי חָשׁוּבְ'עֶ מִשְׁפָּחוֹת רֶעדְן פְּלֶענֶער וֶועגְן עֶפֶּענֶען אַ בֵּית פֵּיגָא סְקוּל דֶעם קוּמֶענְדִיגְן זְמַן.

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעפָארְן קַיין מִירוֹן, דִי יְשִׁיבָה פוּן יְרוּשָׁלַיִם אִיז גֶעקוּמֶען פַאר אַפָּאר טֶעג; אִיךְ וֶועל זַיין מִיט זֵיי, לֶערְנֶען מִיט זֵיי, דַאוֶוענֶען מִיט זֵיי, זִיךְ בַּאקֶענֶען מִיט זֵיי פוּן דֶער נָאנְט.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פוּן דִי נַארִישֶׁע מַחְשָׁבוֹת וָואס זָאגְן דִיר 'מָארְגְן, מָארְגְן; מָארְגְן וֶועל אִיךְ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, מָארְגְן וֶועל אִיךְ אוֹיפְשְׁטֵיין, מָארְגְן וֶועל אִיךְ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, מָארְגְן וֶועל אִיךְ זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט מַיינֶע קִינְדֶער'; אִם לֹא עַכְשָׁו אֵימָתַי, אוֹיב נִישְׁט יֶעצְט וֶוען דֶען?!

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט פוּן צַדִיקִים פְּשַׁט אִין פָּסוּק (שְׁמוֹת יז, ט): "צֵא הִלָּחֵם בַּעֲמָלֵק מָחָר", מֶען דַארְף מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט דִי קְלִיפָּה פוּן עֲמָלֵק וָואס זָאגְט 'מָארְגְן, מָארְגְן'; גֵיי יֶעצְט אַהֵיים צוּ דַיינֶע קִינְדֶער, רֶעד מִיט זֵיי, גֵיי יֶעצְט אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען אוּן לֵיין הַיינְט קְרִיאַת שְׁמַע.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין, אִיךְ בִּין זֵייעֶר אָפְּגֶעמַאטֶערְט פוּן דִי וֶועג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דָאס הֶעלְפְן דִי סְקוּל, וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען אַלֶעס גוּטְס**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּהַר, י"ב אִיָיר, כ"ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא

דִי מְנַהֶלֶת תְּחִיֶ' הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אִיר הָאט זֵייעֶר אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן מִיטְן צוּגְרֵייטְן דִי שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת פַאר דִי בֵּית פֵּיגָא תַּלְמִידוֹת, זִי זָאגְט אִיר הָאט אַרָאפְּגֶענוּמֶען פוּן אִיר דִי גַאנְצֶע עוֹל, אִיר הָאט אַלֶעס צוּגֶעשְׁטֶעלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, בִּזְכוּת וָואס אִיר הֶעלְפְּט אִין סְקוּל מִיט אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף, אִיר הֶעלְפְט דִי מְנַהֶלֶת מִיט וָואס זִי בֶּעט אַייךְ - זָאלְט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּב מִיט עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

מַאכְט יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת, רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶר אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ; בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַן עֶרְלִיכֶע גוּטֶע שִׁידוּךְ, פַאר עֶרְלִיכֶע גֶעזוּנְטֶע דוֹרוֹת; וַוייל נָאר מִיט תְּפִלָּה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מַלְכוּת שֶׁבַּנֶּצַח, מְנַצֵּחַ זַיין דֶעם יֵצֶר הָרָע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּהַר, י"ג אִיָּיר, כ"ח לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין גֶעפָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּ זַיין לַ"ג בָּעֹמֶר בַּיי דִי הִלּוּלָא פוּן הַתַּנָּא אֱלֹקִי רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי. אוֹיךְ דִי יְשִׁיבָה פוּן יְרוּשָׁלַיִם אִיז גֶעקוּמֶען קַיין מִירוֹן פַאר אַפָּאר טֶעג, אִיךְ לֶערְן מִיט זֵיי, אִיךְ פַארְבְּרֶענְג מִיט זֵיי, אִיךְ הָאבּ אַזַא הֲנָאָה פוּן זֵיי, אִיךְ הָאבּ אַ פַארְגֶענִיגְן יֶעדֶע מִינוּט צוּ זִיצְן מִיט זֵיי.

דִיר ווִיל אִיךְ בֶּעטְן זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה. הַיינְט אִיז דִי סְפִירָה פוּן מַלְכוּת שֶׁבַּנֶּצַח, אוּן בַּיי לַמְנַצֵּחַ אִיז הַיינְט 'בָּאָרֶץ', אוּן בַּיי אָנָּא בְּכֹחַ - בט"ר צת"ג; דָאס וַוייזְט אוּנְז, אוֹיבּ מֶען הָאט אֱמוּנָה - "שְׁכָן אֶרֶץ וּרְעֵה אֱמוּנָה" (תְּהִלִּים לז, ג) - דֶעמָאלְט הָאט מֶען אַלֶע בְּרָכוֹת, בט"ר צת"ג, אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ מַלְכוּת שֶׁבַּנֶּצַח, צוּ מְנַצֵּחַ זַיין דֶעם יֵצֶר הָרָע אוּן אָנְקוּמֶען צוּ דִי קְדוּשָּׁה.

שְׁטַארְק זִיךְ, נִסְיוֹנוֹת הָאט יֶעדֶער, דָאס אִיז נִישְׁט דֶער מֶעסְטֶער צִי דוּ בִּיסְט שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען אָדֶער נִישְׁט, אוּן אַז דוּ דֶערְזֶעסְט זִיךְ מִיט פְרִישֶׁע בְּרֶענֶעדִיגֶע נִסְיוֹנוֹת - זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען (סוּכָּה נב.): "כָּל הַגָּדוֹל מֵחֲבֵרוֹ יִצְרוֹ גָּדוֹל הֵימֶנּוּ", ווִי גְרֶעסֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער מֶען אִיז - אִיז דָא מֶער נִסְיוֹנוֹת, אוּן זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן אוּן זָאגְן 'אִיךְ קוּם מִמֵּילָא נִישְׁט אָן צוּ דִי קְדוּשָּׁה, אִיךְ לִיג וואוּ אִיךְ לִיג אוּן אִיךְ פַאל ווִי אִיךְ פַאל, וָואס הָאבּ אִיךְ זִיךְ צוּ מוּטְשֶׁען?' עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, נָאר ווִי לַאנְג מֶען אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט - הָאט מֶען

שְׁווֶערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, און אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט דִי חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן – דֶעמָאלְט קֶען מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן.

אַ שֵׁיינֶע פָּאר שָׁעָה בִּין אִיךְ מִיט דִי בָּחוּרִים גֶעוֶוען אִין קָאךְ בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן, מִיר הָאבְּן אָנְגֶעגְרֵייט קוּגֶל, פִּישׁ, און נָאךְ אַסַאךְ גוּטֶע עֶסְן פַּאר לַ"ג בָּעֹמֶר. אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַּאר דִי בָּחוּרִים, וֶוען מֶען זֶעט אַ שֵׁיינֶע פַּאלַאץ, מֶען ווִיל אַרַיינְגֵיין צוּם קֶענִיג, נִישְׁט יֶעדֶער קֶען אַרַיינְגֵיין, נָאר דִי גְרוֹיסֶע שָׂרִים, דִי שׁוּשְׁקֶעס, נָאר זֵיי קֶענֶען אָנְקוּמֶען צוּ אַלֶע הֵיכָלוֹת, אָבֶער אִין קָאךְ – שֵׁיילְן יְרָקוֹת און רֵיינִיגְן – דָארְט קֶענֶען יָא קוּמֶען פְּשׁוּטְ'עֶ לַייט; מִיר הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען, אַז עֶס קוּמְט אַ גְרוֹיסֶער טָאג 'לַ"ג בָּעֹמֶר', אַלֶע ווִילְן זִיךְ אַרַיינְשְׁטוּפְּן אִין הֵיכַל פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, אָבֶער אִין קָאךְ, אָנְגְרֵייטְן דִי עֶסְן פַּאר דִי אַלֶע גֶעסְט – דָארְט קֶענֶען אוֹיךְ מִיר פָּשׁוּטְ'עֶ מֶענְטְשְׁן קוּמֶען און הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דִי הִלּוּלָא.

הַיינְט נַאכְט אִיז פֶּסַח שֵׁנִי, מֶען זֶעט קְלָאר אַז עֶס אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט דֶערְנָאךְ, עֶס אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּ שְׁפֶּעט, אֲפִילוּ מֶען הָאט פַארְפַּאסְט דִי הֵיילִיגְקֵייט אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן, מֶען הָאט פַארְפַּאסְט פֶּסַח רִאשׁוֹן – קֶען מֶען נָאךְ בַּאקוּמֶען הֵיילִיגְקֵייט אוֹיף דֶער עֶלְטֶער, מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ פֶּסַח שֵׁנִי.

שְׁטַארְק זִיךְ, אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵּל פַּאר עֶנְק אַלֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מֶען וֶוערְט נִישְׁט בֶּעסֶער דוּרְךְ קוּקְן אוֹיף זִיךְ שְׁלֶעכְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּהַר, י"ג אִיָּיר, כ"ח לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

קְלַאפְּט זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז מֶען וֶוערְט נִישְׁט בֶּעסֶער דוּרְךְ קוּקְן אוֹיף זִיךְ שְׁלֶעכְט. דֶער רֶבִּי זָאגְט, נָאר דוּרְךְ קוּקְן גוּט אוֹיף זִיךְ – וֶוערְט מֶען נָאךְ בֶּעסֶער, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן

רפב): "עַל יְדֵי זֶה שֶׁמְּחַפֵּשׂ וּמוֹצֵא בְּעַצְמוֹ עֲדַיִן מְעַט טוֹב", דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען זוּכְט אִין זִיךְ גוּטֶע זַאכְן, אֲפִילוּ מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ נָאךְ וַוייט פוּן גוּט, זוּכְט מֶען אִין זִיךְ עֶפֶּעס גוּטְס - "עַל יְדֵי זֶה הוּא יוֹצֵא בֶּאֱמֶת מִכַּף חוֹבָה לְכַף זְכוּת, וְיוּכַל לָשׁוּב בִּתְשׁוּבָה", דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן מֶען וֶוערְט אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ.

נָאר אֵיין מָאל אַ טָאג מֶעג מֶען זִיךְ צֶעבְרֶעכְן אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם חֵלֶק ב', סִימָן כד): "אַף שֶׁגַּם לֵב נִשְׁבָּר הוּא טוֹב מְאֹד", הָאבְּן אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז טַאקֶע אַ גוּטֶע זַאךְ, "עִם כָּל זֶה הוּא רַק בְּאֵיזוֹ שָׁעָה", אָבֶּער נָאר פַאר אַבִּיסְל צַייט, "וְרָאוּי לִקְבֹּעַ לוֹ אֵיזֶה שָׁעָה בַּיּוֹם לְשַׁבֵּר לִבּוֹ וּלְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ", אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט זִיךְ צוּ מַאכְן אַ בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט וָואס מֶען שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אֲבָל כָּל הַיּוֹם כֻּלּוֹ צָרִיךְ לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה", אָבֶּער אַ גַאנְצְן טָאג דַארְף מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ.

מֶען דַארְף פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, צוּ טְרֶעפְן אִין זִיךְ גוּטְס אוּן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, אוּן נָאר אֵיין מָאל אַ טָאג זִיךְ אוֹיסְקְרֶעכְצְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת בַּיים רֶבִּי'ן הָאט אַן אַנְדֶערֶע בַּאדֵייט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת בְּהַר, י"ג אִיָּר, כ"ח לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

עֶס קוּמְט יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, קַבָּלַת הַתּוֹרָה; אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ דִי עֶרְשְׁטֶע יָאר וֶוען דוּ בִּיסְט מְקוֹרָב גֶעוָוארְן בִּיסְטוּ גֶעקוּמֶען צוּ מִיר עֶרֶב יוֹם טוֹב מִיט אַזַא שִׂמְחָה אַז דוּ שְׁפִּירְסְט אַ שַׁיְיכוּת מִיט יוֹם טוֹב זַייט דַיין הִתְקָרְבוּת, דוּ לֶערְנְסְט אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד (הַמְּבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו). וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן זֶעט מֶען אַז דִי תּוֹרָה אִיז נִישְׁט נָאר פַאר אֵיינְצֶעלְנֶע, דִי

תּוֹרָה אִיז אוֹיךְ פַּאר מִיר, דִי תּוֹרָה אִיז פַּאר יֶעדְן אִיד, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אַ וֶועג צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען אֲפִילוּ בְּלִי הֲבָנָה, אָן פַּארְשְׁטֵיין, נָאר דוּרְךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער.

יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת בַּיים רֶבִּי'ן הָאט אַן אַנְדֶערֶע בַּאדֵייט, מֶען אִיז מְקַבֵּל דִי תּוֹרָה פָּשׁוּט כְּמַשְׁמָעוֹ; מֶען הָאט שִׁיעוּרִים בְּכָל הַתּוֹרָה, מֶען לֵייגְט צוּ נָאךְ אוּן נָאךְ שִׁיעוּרִים; אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ.

אִיךְ בִּין גֶעפָארְן קַיין מִירוֹן זַיין בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אוֹיף לַ"ג בָּעֹמֶר, אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵּל פַּאר דִיר.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ.

...

### אִיךְ זָאג עֶנְק צוּ; מִיט תְּפִלָּה וֶועט גֶעשֶׁעְן אַ נֵס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּהַר, י"ג אִיָּיר, כ"ח לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן מַיינֶע טֵייעֶרֶע ... שֶׁיִּחְיוּ

בֵּיידֶע זָאלְן עֶנְק יֶעדְן טָאג בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי זַאךְ וְכוּ', מִיט תְּפִלָּה וֶועט גֶעשֶׁעְן אַ נֵס; אִיךְ זָאג עֶנְק צוּ, אוֹיבּ עֶנְק וֶועלְן יֶעדְן טָאג בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף עֶנְקֶער שְׁפְּרַאךְ: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אַז מַיין ווַייבּ זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין פַּחַד פוּן לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם", אוּן זִי זָאל בֶּעטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין פְּחָדִים פוּן לֶעבְּן מִיט מַיין מַאן, אִיךְ זָאל זַיין אַ גֶעזוּנְטֶע ווַייבּ, אַן אִשָּׁה כְּשֵׁרָה הָעוֹשָׂה רְצוֹן בַּעְלָהּ".

אוֹיבּ וֶועלְן עֶנְק בֶּעטְן אוֹיף דֶעם טָאג נָאךְ טָאג מִיט סַבְלָנוּת - וֶועלְן עֶנְק זֶען אַ נֵס לְמַעְלָה מִדֶּרֶךְ הַטֶּבַע, אִיךְ הָאבּ דָאס שׁוֹין מִיטְגֶעהַאלְטְן אַסַאךְ מָאל וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען דִי פְּרָאבְּלֶעם מִיט מַאן אוּן ווַייבּ וְכוּ' וְכוּ', אוּן מִיט תְּפִלָּה וְסַבְלָנוּת הָאט מֶען גֶעזֶען נִיסִים.

עֶס אִיז כְּדַאי דַיין ווַייבּ זָאל זַיין בְּקֶשֶׁר מִיט מָרַת ... תְּחְיֶ', זִי זָאל אִיר לֶערְנֶען וְכוּ' אוּן מְחַזֵּק זַיין וְכוּ'.

אִיךְ בִּין גֶעפָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ וֶועל זַיין בַּיי דִי צַדִּיקִים אוּן בֶּעטְן פַאר עֶנְק.

...

## רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי וַוייבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּהַר, י"ג אִיָּר, כ"ח לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ אוּן אִיר גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, עֶס זָאל נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין אֵיין טָאג אָן אִיר גֶעבְּן גוּטֶע זִיסֶע וֶוערְטֶער.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, דָאס אִיז נָאךְ וִויכְטִיגֶער פוּן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, וַוייל גוּטֶע וֶוערְטֶער אִיז נָאר אִינְטֶערֶעסַאנְט אוֹיבּ מֶען רֶעדְט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, מִיט כָּבוֹד. נָאר דָארְט וואוּ מֶען רֶעדְט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ - גֶעפִינְט זִיךְ דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה, מִיט אַלֶע בְּרָכוֹת.

אִיךְ בִּין יֶעצְט אִין מִירוֹן מִיט מַאמֶע אוּן אוֹיךְ שְׁלֹמֹה; אִיךְ אוּן מַאמֶע בֶּעטְן פַאר דִיר פַאר קִינְדֶער אוּן פַאר אַלֶעס גוּטְס.

אוֹיךְ אִיז דָא מִיט אוּנְז דִי יְשִׁיבָה פוּן יְרוּשָׁלַיִם, אַ חֲבוּרָה פוּן טֵייעֶרֶע עֶרְלִיכֶע בָּחוּרִים. דִי יְשִׁיבָה אִיז אַ גְרוֹיסֶע חִידוּשׁ, דִי בָּחוּרִים זֶענֶען זֵייעֶר עֶרְלִיךְ מִיט תְּמִימוּת.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ, גֶעבּ אַ גְרוּס פַאר אֶלְחָנָן חַיִּים אוּן פַאר אַלֶע קִינְדֶער.

...

## סַבְלָנוּת מִיט דִי נֵייעֶ בִּיזְנֶעס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּהַר, י"ג אִיָּר, כ"ח לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט וֶוען דוּ הָאסְט אָפְּגֶעקוֹיפְט אַ בִּיזְנֶעס דַארְפְסְטוּ וִויסְן דִי הַקְדָּמָה פַארְן לֶעבְּן, יֶעדֶע זַאךְ, סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת, סַיי בְּרוּחָנִיּוּת; אוֹיבּ וִויל מֶען מַצְלִיחַ

זַיין דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקֶן און הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, וַוייל נָאר אַזוֹי קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין.

יֶעצְט אִיז דִיר שְׁוֶוער, דֶער וָואס הָאט דִיר פַארְקוֹיפְט דִי בִּיזְנֶעס הָאט דִיךְ אוֹיסְגֶעפָּאפְּט, יֶעדְן טָאג וֶוערְסְטוּ גֶעוָואר נָאךְ לִיגְנְט מִיט גְנֵבוֹת, דָאךְ זָאג אִיךְ דִיר, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק און הָאבְּן סַבְלָנוּת - וֶועסְטוּ שֵׁיין מַצְלִיחַ זַיין.

פִּיר דִי בִּיזְנֶעס מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, אָן קַיין גְנֵיבָה.

אִיךְ בִּין גֶעפָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּ זַיין לַ״ג בָּעֹמֶר אִין מִירוֹן בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵל פַאר דִיר.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ.

...

**נֶעם נִישְׁט אָן דִי נֵייעֶס אַזוֹי עֶרְנְסְט**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּהַר, י״ג אִיָּיר, כ״ח לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ מֵיין דוּ נֶעמְסְט אָן צוּ עֶרְנְסְט דִי נֵייעֶס, דוּ פַארְגֶעסְט אַז ׳יֵשׁ מַנְהִיג לַבִּירָה׳, עֶס אִיז דָא אַ פִירֶער פַאר דִי וֶועלְט. טְרַאמְפּ וֶועט אוּנְז נִישְׁט הֶעלְפְן און בֵּיידְן וֶועט אוּנְז נִישְׁט קַאלְיֶע מַאכְן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין עֶר פִירְט אַלֶעס, עֶר טוּט אַלֶעס, ׳וְהוּא לְבַדּוֹ עָשָׂה וְעוֹשֶׂה וְיַעֲשֶׂה לְכָל הַמַּעֲשִׂים׳.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, הֶער זִיךְ מֶער נִישְׁט צוּ צוּ דִי נַארִישֶׁע נֵייעֶס, עֶס אִיז אֵיין גְרוֹיסֶע לֵיצָנוּת. מוֹהֲרַא״שׁ זָאגְט, נָאר דֶעמָאלְט וֶוען דִי נֵייעֶס וֶועט מֶעלְדְן דִי אֱמוּנָה - דֶעמָאלְט וֶועט מֶען זִיךְ מֶעגְן צוּהֶערְן.

גְלֵייבּ מִיר מַיין טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, עֶס חַזֶר׳ט זִיךְ אִיבֶּער יֶעדֶע יָאר דִי זֶעלְבֶּע נֵייעֶס. רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: ״אִין פוּפְצִיג יָאר אַרוּם וֶועט זַיין דִי זֶעלְבֶּע מַארְק, נָאר אַנְדֶערֶע פֶערְד און אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן״; אָהּ אִיז דָאס אֱמֶת׳דִיג, אָהּ אִיז דָאס צִיפֶּעדִיג, מֶען אִיז אַזוֹי אַרַיינְגֶעטוּן אִין דִי נֵייעֶס, מֶען כַּאפְּט גָארְנִישְׁט וִוי מֶען מַאכְט לֵיצָנוּת פוּן זִיךְ אַלֵיין.

אִיךְ בִּין גֶעפָארְן קַיין מִירוֹן אוֹיף לַ״ג בָּעֹמֶר, אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵל פַאר דִיר.
אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ.

...

## לֶערְן אוֹיס דַיינֶע קִינְדֶער צוּ פְרֶעגְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּהַר, י״ג אִיָּיר, כ״ח לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

רֶעד צוּ דַיינֶע קִינְדֶער פוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים, יֶעדְן שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדָה זָאלְסְטוּ דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים אוּן זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען זֵיי זָאלְן נֶעמֶען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד זָאל זֵיי מַדְרִיךְ זַיין. לֶערְן אוֹיס דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן ווִיסְן אַז מֶען דַארְף פְרֶעגְן יֶעדֶע זַאךְ אוּן זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען, אוּן נָאר אַזוֹי אִיז מֶען מַצְלִיחַ.

מִיר קוּמֶען נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה, עֶס קוּמְט דֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּרִיק כַאפְּן לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים אִין מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, אוֹיךְ אִין רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, ווַייל ״אִם אַתֶּם מְקַבְּלִים אֶת הַתּוֹרָה״, אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה, מֶען לֶעבְּט מִיט דִי תּוֹרָה - ״מוּטָב״, אִיז דָאס לֶעבְּן גוּט, ״וְאִם לָאו״, אוּן אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט נִישְׁט - ״שָׁם תְּהֵא קְבוּרַתְכֶם״, אִיז מֶען טוֹיט, מֶען אִיז בַּאגְרָאבְּן.

אִיךְ בִּין יֶעצְט אִין מִירוֹן, אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵל פַאר דִיר.
אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ.

...

## אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ רֶעדְט מֶען נִישְׁט אוֹיף קַיין מַנְהִיגִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּהַר, י״ג אִיָּיר, כ״ח לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר קִרְיַת יוֹאֵל, מָאנְרָא

אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן דִיר אוֹיבּ דוּ הָאסְט עֶרְהַאלְטְן דִי בְּרִיווּ, אִיךְ הָאף דוּ הָאסְט אָנְגֶענוּמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער, ווַייל עֶס אִיז אַ שָׁאד צוּ הָאבְּן

חֲלִישׁוּת הַדַּעַת פוּן דִי זַאךְ, עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת דִי זַאךְ, אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ רֶעדְט מֶען נִישְׁט אוֹיף קַיין מַנְהִיגִים, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תכא) מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף דִי מַנְהִיגֵי יִשְׂרָאֵל וָואס פִירְן זֵייעֶרֶע קְהִלּוֹת עֶרְלִיךְ עַל פִּי תּוֹרָה, עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת וָואס מֶען הָאט דִיר גֶעזָאגְט אַז בַּיי אוּנְז מַאכְט מֶען לֵיצָנוּת אוֹיף מַנְהִיגֵי יִשְׂרָאֵל, בַּיי אוּנְז אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ רֶעדְט מֶען דִיבּוּרֵי תַּכְלִית פוּן תּוֹרָה וּתְפִלָּה, פוּן שִׁידוּכִים וְזִיווּגִים, שָׁלוֹם בַּיִת, פוּן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן חוֹבוֹת, פוּן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן חָכְמוֹת הַמְּדֻמּוֹת, פוּן גֵיין יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה, פוּן גֵיין יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת.

דִי לָשׁוֹן הָרָע הָאט שׁוֹין פַארְטְרִיבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן פוּן רֶבִּי'ן, עֶס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט חֲלִישׁוּת הַדַּעַת וְכוּ', עֶס אִיז דָא אַסַאךְ צוּ שְׁמוּעֶסְן פוּן דֶעם.

אִיךְ בִּין גֶעפָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זַיין לַ"ג בָּעֹמֶר בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵּל פַאר דִיר פַאר קִינְדֶער.

...

## אוֹיסְשְׁפֵּייעֶן דִי אַלְטֶע צֶעדְרֵייטֶע שִׁיטָה פוּן זִיךְ קְלַאפְּן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּהַר, י"ג אִיָּיר, כ"ח לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

קְלַאפּ זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ, מֶען הָאט דִיךְ גֶענוּג אוּן נָאךְ אַרָאפְּגֶעקְלַאפְּט אַלֶע דַיינֶע יָארְן, יֶעצְט בִּיסְטוּ גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן - דַארְפְסְטוּ אוֹיסְשְׁפֵּייעֶן דִי אַלְטֶע צֶעדְרֵייטֶע שִׁיטָה פוּן זִיךְ קְלַאפְּן, יֶעצְט דַארְפְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן הַאלְטְן פוּן דִיר, אוּן גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ נַחַת רוּחַ פוּן דִיר, אוּן וַוארְט צוּ הֶערְן דַיין קוֹל וִוי דוּ שְׁרֵייסְט אוֹיס: "טַאטֶע הֶעלְף מִיר, טַאטֶע הָאב רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, טַאטֶע אִיךְ וִויל זַיין גוּט, אִיךְ וִויל זַיין עֶרְלִיךְ".

יֶעדֶע וָוארְט וָואס דוּ רֶעדְסְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט דִיךְ אוֹיסְהֵיילְן פוּן דִי אַלְטֶע וֵוייטָאג פוּן דִי אַלֶע צֶעקְלַאפְּטֶע וֶוערְטֶער וָואס מֶען הָאט דִיר אַלֶע יָארְן גֶעפֵּיינִיגְט אוּן צֶעקְלַאפְּט, דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט דִיךְ מַאכְן שְׁטַארְק, אַרוֹיסְנֶעמֶען אַלֶע וֵוייטָאג.

אִיךְ בִּין יֶעצְט אִין מִירוֹן בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵּל פַּאר דִּיר אוּן פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה.

...

## פַארְוָואס בִּין אִיךְ אַנְדֶערְשׁ? אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִּיק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּהַר, י"ד אִיָּר, פֶּסַח שֵׁנִי, כ"ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט בִּין אִיךְ גֶעוֶוען בַּיי קֶבֶר רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס, עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַז הַיינְט פֶּסַח שֵׁנִי אִיז דִי יָארְצַייט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָּא. אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אַלֶע זוֹכֶה זַיין בִּזְכוּת דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָּא צוּ פּוֹעֵל'ן יְשׁוּעוֹת.

אוֹיךְ בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין יַבְנְאֵל בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ, אִיךְ הָאבּ דָארְט גֶעבֶּעטְן פַאר דִיר. עֶס אִיז אַזַא הֵיילִיגֶע פְּלַאץ, מֶען קֶען פּוֹעֵל'ן יְשׁוּעוֹת בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ, עֶס אִיז אַ פְּלַאץ צוּ פּוֹעֵל'ן יְשׁוּעוֹת. מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אִין דִי צַוָואָה (צַוָּאַת מוֹהֲרָא"שׁ, סִימָן ה): "וּכְמוֹ בְּחַיִּים חַיּוּתִי נִתְעוֹרְרוּ עַל יָדַי אֲנָשִׁים בִּתְשׁוּבָה", אַזוֹי ווִי וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֶעבְּט זֶענֶען דוּרְךְ מִיר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן מֶענְטְשְׁן תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "כְּמוֹ כֵּן עַכְשָׁיו לְאַחַר הִסְתַּלְּקוּתִי לְעֵילָא כְּשֶׁיָּבוֹאוּ אֶל קִבְרִי יִתְעוֹרְרוּ בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵימָה", אַזוֹי אוֹיךְ נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט, וֶוען מֶען וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר וֶועט מֶען אוֹיךְ נִתְעוֹרֵר וֶוערְן צוּ תְּשׁוּבָה טוּן, "וְיַמְשִׁיכוּ לְעַצְמָם יְשׁוּעוֹת וּפְלָאוֹת בְּעֶזְרָתוֹ יִתְבָּרַךְ, וְאֶהְיֶה לָהֶם לְמֵלִיץ יוֹשֶׁר בַּשָּׁמַיִם, וְלֹא אָנוּחַ וְלֹא אֶשְׁקוֹט עַד שֶׁיִּהְיֶה לְמִי שֶׁבָּא אֶל קִבְרִי לְהִתְפַּלֵּל וְלִלְמוֹד יְשׁוּעָה שְׁלֵימָה מִן הַשָּׁמַיִם", אוּן אִיךְ וֶועל נִישְׁט רוּעֶן בִּיז אִיךְ וֶועל פּוֹעֵל'ן פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ יְשׁוּעָה.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן אוּנְזֶער חֵדֶר אוּן אוּנְזֶער בֵּית פִּיגָא אִין טְבֶרְיָה, דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף מִיט אֱמוּנָה, דִי מְלַמְּדִים אוּן דִי לֶערֶערִינְס זֶענֶען אַזוֹי הַארְצִיג צוּ דִי קִינְדֶער, מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - מִיט אַזוֹיפִיל הַארְץ, מִיט אַזוֹיפִיל סַבְלָנוּת. אַשְׁרֵינוּ

שֶׁזָּכִינוּ אַז עֶס בּוֹיעֶן זִיךְ תַּלְמוּד תּוֹרָה׳ס מִיט בֵּית פֵיגָא׳ס, צוּבִּיסְלִיךְ, אִין אַלֶע שְׁטֶעט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מֶען בּוֹיעֶט אוֹיף אַ פְרִישֶׁע דוֹר גֶעטְרֵייעֶ עֶרְלִיכֶע אִידְן אוֹיף אַ גֶעזוּנְטֶע אוֹפָן, מֶען צֶעדְרֵייט נִישְׁט דִי נֶפֶשׁ זֵייעֶרֶע, מֶען לֶערְנְט מִיט לִיבְּשַׁאפְט, מִיט גֶעפִיל, מִיט סַבְלָנוּת.

אוֹיךְ בִּין אִיךְ גֶעוֶועןְ אִין אוּנְזֶער שׁוּל אִין טְבֶרְיָה, גֶעגֶעבְּן אַ שְׁמוּעֶס פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, הִתְחַזְּקוּת אוּן שֵׂכֶל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן. מֶען הָאט גֶערֶעדְט פוּן פֶּסַח שֵׁנִי, מֶען זֶעט יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט נָאךְ דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ וֶוערְן אַ צַדִּיק, אֲפִילוּ מֶען אִיז גֶעוֶוען אִין דִי יוּגְנְט בִּבְחִינַת ׳אֲנַחְנוּ טְמֵאִים לְנֶפֶשׁ אָדָם׳, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעהַאט אַ רֵיינֶע יוּגְנְט, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעהַאט דֶעם פֶּסַח רִאשׁוֹן, אוּן אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בֶּעט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אָן אוֹיפְהֶער: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, לָמָּה נִגָּרַע, פַארְוָואס בִּין אִיךְ אַנְדֶערְשׁ? פַארְוָואס קֶען אִיךְ נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין הֵיילִיג? רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ ווִיל זַיין דָּבוּק צוּ דִיר" - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ פֶּסַח שֵׁנִי.

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען גְלֵייבְּן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן קיב): "לְעִנְיַן הִתְחַזְּקוּת לְבַל יִפֹּל הָאָדָם בְּדַעְתּוֹ מֵחֲמַת רִבּוּי הַפְּגָמִים וְהַקִּלְקוּלִים שֶׁקִּלְקֵל עַל יְדֵי מַעֲשָׂיו", וֶוען מֶען טְרַאכְט ׳וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר? אִיךְ הָאבּ דָאךְ אַזוֹיפִיל גֶעזִינְדִיגְט, אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל פּוֹגֵם גֶעוֶוען, אַזוֹיפִיל גֶעטוּן נַארִישְׁקֵייטְן׳, "עָנָה וְאָמַר", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אִם אַתָּה מַאֲמִין, שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל", אַז דוּ גְלֵייבְּסְט אִין דֶעם אַז דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען אוּן גֶעטוּן נַארִישְׁקֵייטְן - "תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן", דַארְפְסְטוּ גְלֵייבְּן אַז דוּ קֶענְסְט אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן; מִיר דַארְפְן גְלֵייבְן אִין דֶעם, אוּן נָאר אַזוֹי וֶועלְן מִיר קֶענֶען פַארְרֶעכְטְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, שְׁטַארְק זִיךְ, דְרַאפֶּע זִיךְ, דֶערְהַאלְט זִיךְ, בֶּעט זִיךְ אוֹיס בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ פֶּסַח שֵׁנִי, בֶּעט זִיךְ אוֹיס בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר נָאךְ אַ שַׁאנְס (גֶעלֶעגְנְהֵייט), בֶּעט זִיךְ אוֹיס, שְׁרֵיי זִיךְ אוֹיס: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זַיין הֵיילִיג, ׳אֲנַחְנוּ טְמֵאִים לְנֶפֶשׁ אָדָם׳, אִיךְ בִּין אַזוֹי אִין בְּלַאטֶע, אִיךְ בִּין אַזוֹי אִין דִי טוּמְאָה, ׳לָמָּה נִגָּרַע׳, פַארְוָואס בִּין אִיךְ אַנְדֶערְשׁ? אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זַיין אַ

צַדִּיק" – וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ 'עִמְדוּ וְאֶשְׁמְעָה מַה יְצַוֶּה ה' לָכֶם' (בַּמִּדְבָּר ט, ח), וֶועסְט בַּאקוּמֶען אַ גְלֶעט פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אִיךְ בִּין זֵייעֶר מְרֻגָּשׁ פוּן עֶנְקֶער אַחְדוּת אוּן מִידוֹת טוֹבוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּהַר, י"ד אִיָּר, פֶּסַח שֵׁנִי, כ"ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד

**טֵייעֶרֶער לִיכְטִיגֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ צוּ זֶען וִוי דוּ פִירְסְט זִיךְ בְּיִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן וִוי פְלַייסִיג דוּ לֶערְנְסְט.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ תַּעֲנוּג רוּחָנִי צוּ זַיין אִין מִירוֹן מִיט דִיר אוּן מִיט דִי חֲבֵרִים תַּלְמִידֵי יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם. אִיךְ בִּין זֵייעֶר מְרֻגָּשׁ פוּן עֶנְק, פוּן דִי אַחְדוּת אוּן מִידוֹת טוֹבוֹת.

שְׁטַארְק זִיךְ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם אוּן זָארְג נִישְׁט, וֶועסְט בְּקָרוֹב הָאבְּן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן שֵׁיינֶע דוֹרוֹת.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיךְ לִיבּ.

...

### שְׁוֶועריקֵייטְן אָנְצוּקוּמֶען קַיין מִירוֹן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַר, ט"ו אִיָּר, ל' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעכְטְן בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין טְבֶרְיָ', זִיךְ גֶעטְרָאפְן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען מִיטְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת. מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן דֶעם וָואס מִירוֹן אִיז פַארְשְׁפַּארְט, דִי לֶעצְטֶע פָּאר יָאר מַאכְט מֶען אַזֶעלְכֶע שְׁוֶועריקֵייטְן אָנְצוּקוּמֶען קַיין מִירוֹן; וָואס וִויל מֶען אוּנְז וַוייזְן, וָואס דַארְפְן מִיר זִיךְ לֶערְנֶען פוּן דֶעם?

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אַז מֶען וִויל אוּנְז מְחַזֵק זַיין מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ שַׁיְיכוּת

מִיט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אוֹיסֶער דָאס קוּמֶען קַיין מִירוֹן, אוֹיסֶער דָאס פַייעֶר; אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב דָאס קוּמֶען צוּם צִיוּן פוּן צַדִיק, אוּן צוּ פַייעֶרְן דִי הִלוּלָא פוּן צַדִיק, אָבֶּער אוֹיךְ וִויל מֶען אוּנְז בְּרֶענְגֶען נָאךְ נֶענְטֶער צוּם צַדִיק, דוּרְךְ לֶערְנֶען זַיינֶע סְפָרִים.

וִויל אִיךְ דִיר מְחַזֵק זַיין זָאלְט אָנְהֵייבְּן אַ שִׁיעוּר אִין הֵיילִיגְן זוֹהַר, עֶס וֶועט דִיר וֶוערְן פָּשׁוּט לִיכְטִיג אִין לֶעבְּן; 'זוֹהַר' טַייטְשְׁט 'דָאס שַׁיין', 'דָאס לִיכְטִיגְקֵייט'; אַז מֶען זָאגְט דִי וֶוערְטֶער פוּן זוֹהַר - וֶוערְט מֶען רֵיין, מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה, מֶען שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הוֹיבְּט אָן פַארְשְׁטֵיין 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר, אִיךְ קֶען רֶעדְן צוּ אִים, שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים'.

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אַז מֶען לַאכְט אוּן מֶען שְׁפֶּעט פוּן דִי וֶועג וִוי מִיר לֶערְנֶען, פוּן רֶבִּינְ'ס סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) פוּן זָאגְן בְּלִי הֲבָנָה דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה, אָבֶּער בַּיי זוֹהַר אִיז דָאךְ בַּיי אַלֶע אָנְגֶענוּמֶען אַז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג אוּן הוֹיךְ, אִיז וֶוען אֵיינֶער קוּמְט חוֹזֵק מַאכְן פוּן זָאגְן מִשְׁנָיוֹת פְרֶעג אִים (נִישְׁט אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, מֶען רֶעדְט נָאר): "וואוּ הַאלְט אִיר אִין זוֹהַר?" דָארְט זֶענֶען דָאךְ אַלֶע מוֹדֶה אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער; וֶועסְטוּ זֶען אַז יֶענֶער אִיז פָּשׁוּט אַ לֵץ, עֶר וִויל נִישְׁט דָאס לֶערְנֶען, עֶר וִויל נָאר דָאס שְׁפֶּעטְן פוּן זָאגְן.

מֶען מַאכְט שְׁוֶועריְקֵייטְן אָנְצוּקוּמֶען קַיין מִירוֹן וַוייל מֶען וִויל אוּנְז דְרוּקְן צוּם וַואנְט אַז יֶעדֶער זָאל זוּכְן אַ וֶועג 'וִוי קֶען אִיךְ הָאבְּן מִיט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי?' מֶען זָאל אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען אוּן טוּן וָואס דֶער זוֹהַר זָאגְט, מִיר זָאלְן הָאבְּן מִירוֹן אַ גַאנְץ יָאר, לֶעבְּן מִיט רֶבִּי שִׁמְעוֹן אַ גַאנְץ יָאר, בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט, טוּן וָואס רֶבִּי שִׁמְעוֹן זָאגְט.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין, אִיךְ גֵיי אַרוֹיף צוּ דִי מַעֲרָה יֶעצְט מִיט מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א דַאוֶוענֶען מִנְחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זִיךְ פָּארְנֶעמֶען לְכָבוֹד דִי בַּר מִצְוָה נִישְׁט צוּ רֶעדְן בַּיים דַאוֶונֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּהַר, ט״ו אִיָּר, ל׳ לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד הַבָּחוּר הַבָּר מִצְוָה ... נֵרוֹ יָאִיר, יַבְנְאֵל עִיר בְּרֶסְלֶב**

עֶס קוּמְט דִיר צְוֵויי מַזָל טוֹב׳ס, אֵיין מַזָל טוֹב צוּ דַיין בַּר מִצְוָה אוּן אַ צְוֵוייטֶע מַזָל טוֹב פַאר דַיין סִיּוּם הַשַּׁ״ס; הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן גַאנְץ תַּלְמוּד בַּבְלִי לְכָבוֹד דַיין בַּר מִצְוָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט אוֹיסְוַואקְסְן אַ תַּלְמִיד חָכָם, אַ צַדִּיק, אוּן דַיינֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן זֶען אַסַאךְ נַחַת פוּן דִיר אוּן פוּן אַלֶע קִינְדֶער.

לְכָבוֹד דַיין בַּר מִצְוָה זָאלְסְטוּ זִיךְ פָּארְנֶעמֶען נִישְׁט צוּ רֶעדְן בַּיים דַאוֶונֶען. פוּן אָנְהוֹיבּ בִּיז דִי עֶנְדֶע פוּן דַאוֶונֶען - זָאלְסְטוּ נִישְׁט עֶפֶענֶען דַיין מוֹיל צוּ רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן, נָאר רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶס וֶועט דִיר זַיין אִין אָנְהוֹיבּ שְׁוֶוער, אָבֶּער בַּיים סוֹף וֶועט דָאס זַיין גְרִינְג, אוּן דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

גֶעבּ אִיבֶּער אַ מַזָל טוֹב פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי מַחֲלָה אַנֶערֶעקְסִיֶע רַחֲמָנָא לִצְּלָן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּהַר, ט״ו אִיָּר, ל׳ לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן, אַתְרָא קַדִּישָׁא מִירוֹן

**טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳ לַיידְט אוֹיף דִי מַחֲלָה אַנֶערֶעקְסִיֶע רַחֲמָנָא לִצְּלָן, זִי עֶסְט נִישְׁט אוּן זִי אִיז אִין אַ מַצָּב פוּן סַכָּנָה - זָאלְסְטוּ אִיר חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט וֵויי טוּן אוּן חַס וְשָׁלוֹם הָאבְּן אִין הַארְץ טַעֲנוֹת אוֹיף אִיר אוּן פַיינְטְשַׁאפְט, נָאר הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף אִיר אוּן גֶעבּ אִיר אַסַאךְ חִיזּוּק, אַסַאךְ וַוארֶעמְקֵייט, בִּיז זִי וֶועט אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דֶעם.

בְּרוּדֶער זַיי זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן - קֶען מֶען דָאס אוֹיךְ אוֹיסְהֵיילְן; מִיט חִיזוּק, אֱמוּנָה, מִיט זוּכְן גוּטְס און אוֹיסְלוֹיבְּן דָאס גוּטְס, און מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת - הֵיילְט מֶען זִיךְ אוֹיס פוּן יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן פְּרָאבְּלֶעם.

גֵיי יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת, עֶרְשְׁט - זָאלְסְטוּ דַאנְקֶען און לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים און אַלֶע טוֹבוֹת וָואס עֶר טוּט, און נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף אַלֶע דַיינֶע נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים פוּן אַלֶע יָארְן און פוּן אַלְס קִינְד, און נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען אַז דַיין וַוייבּ זָאל זַיין גֶעזוּנְט, דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן אַ גֶעזוּנְטֶע מַאמֶע וְכוּ' וְכוּ'.

אִיךְ בִּין אִין מִירוֹן, אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר.

...

### דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן גֶעבְּן צְדָקָה פַאר דִי מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת בְּהַר, ט"ו אִיָּר, ל' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן, אַתְרָא קַדִּישָׁא מִירוֹן

טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אִיךְ הָאבּ מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען פַאר דִיר אִין יַבְנְאֵל דוּ זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן פִּיס וֵוייטָאג, אוֹיךְ בַּיים תַּנָּא אֱלוֹקַי רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר שִׁיקְן אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה.

אִיךְ וִויל דִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן זַיין גַבְּאַי צְדָקָה פַאר צְדָקַת רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס, צוּ קֶענֶען אוֹיסְהַאלְטְן אוּנְזֶערֶע מְלַמְדִים אִין טְבֶרְיָ', יְרוּשָׁלַיִם, בְּנֵי בְּרַק. אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּאזוּכְן דִי מוֹסְדוֹת, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דִי וֶוערְטֶער דִיר גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לִיכְטִיגְקֵייט וָואס טוּט זִיךְ דָא, דִי מְלַמְדִים לֵייגְן אַרַיין זֵייעֶר הַארְץ פַאר דִי קִינְדֶער, זֵיי לֶערְנֶען מִיט אַזַא זִיסְקֵייט, מִיט אַזַא סַבְלָנוּת.

אִיךְ וֵוייס דוּ פְּלָאגְסְט זִיךְ זֵייעֶר, וַוייל אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין חוּץ לָאָרֶץ הָאבְּן נָאכְנִישְׁט קַיין גֶעפִיל אִין דֶעם, זֵיי כַאפְּן נִישְׁט וָואס מֶען וִויל פוּן זֵיי,

'וָואס הָאט דָאס מִיט אוּנְז?' אָבֶער אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם אוּן זֵיי גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיז דָאס הָאבְּן מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל עַל טָהֳרַת הַקּוֹדֶשׁ אָן קַיין שׁוּם שַׁיְיכוּת צוּ קַיין שׁוּם פַּארְטֵיי, אָן נֶעמֶען גֶעלְט פוּן זֵיי, אָן רֶעדְן זֵייעֶר טָמֵא'נֶעם שְׁפְּרַאךְ - וֶועלְן זֵיי דִיר הֶעלְפְן. גֶעב זֵיי צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן גֶעבְּן צְדָקָה פַאר אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וָואס אִיז דָאס קֻפַּת רַבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס; וִוי אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶעגֶעבְּן יֶעדֶע מָאל פַאר אַ מִצְוָה, בְּעֵת צָרָה אוּן בְּעֵת שִׂמְחָה - פַאר דִי פּוּשְׁקֶע פוּן רַבִּי מֵאִיר, אוּן גֶעוֶוען אַזוֹי צוּגֶעבִּינְדְן צוּ דֶעם - וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין.

רַק חֲזַק וֶאֱחֹז עַצְמְךָ, לָאז דִיךְ נִישְׁט פַאלְן.

...

## דוּרְכְגֶעפַאלְן בַּיי דִי וַואלְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַר, ט"ו אִיָּר, ל' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן, אַתְרָא קַדִּישָׁא מִירוֹן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה פַאר אַלֶעס וָואס דוּ הֶעלְפְסְט אוּנְזֶער קְהִילָה, קְהִלַּת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, בִּפְרָט מִיט דִי וַואלְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דִי נַייעֶס דָא אִין מִירוֹן אַז אוּנְזֶערֶע וַואלְן אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן, דִי נֶעמֶען וָואס מִיר הָאבְּן אַרַיינְגֶעשְׁטֶעלְט הָאבְּן נִישְׁט גֶעווּינֶען. אִיךְ הָאף דוּ נֶעמְסְט עֶס נִישְׁט צוּם הַארְצְן, נָאכְן אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער אַזַא לַאנְגֶע צַייט אוּן בַּאקוּמֶען אַזַא פַּאטְשׁ אִין פָּנִים; גְלֵייבּ מִיר בְּרוּדֶער, אִיךְ הָאבּ נִיטְאַמָאל גֶעגֶעבְּן אֵיין שְׁלוּנְג בַּיים הֶערְן דִי נַייעֶס, אוּן נָאךְ מֶער, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אֲפִילוּ אֵיין תְּפִלָּה אַז אוּנְזֶערֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן גֶעווּינֶען, וַוייל וִוי וֵוייס אִיךְ וָואס אִיז דִי טוֹבָה פוּן דִי זַאךְ? אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעבֶּעטְן אַ גַאנְצֶע צַייט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, מַאךְ גוּט פַאר אוּנְזֶער קְהִילָה", אוּן דָאס בֶּעט אִיךְ וַוייטֶער.

וֶועסְט מִיר פְרֶעגְן, אוֹיבּ אַזוֹי וָואס הָאט אוֹיסְגֶעפֶעלְט דִי גַאנְצֶע שְׁוֶוערֶע

קָאמְפֵּיין? דֶער תֵּירוּץ אִיז, אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי מוֹסָד, אוּן אַז זֵיי מַאכְן אוּנְז שְׁוֶועריקַייטְן, זֵיי גֶעבְּן אוּנְז נִישְׁט קַיין בָּאסֶעס פַּאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, אוּן זֵיי ווִילְן זִיךְ אַרַיינְמִישְׁן אִין אוּנְזֶער חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת, הָאב אִיךְ גֶעבֶּעטְן דִי הַנְהָלָה לָאמִיר דָאס טוּן, אָבֶער אִיךְ הָאב אַלְץ גֶעדֶענְקְט אַז אִיךְ וֵייס גָארְנִישְׁט, אִיךְ וֵייס נִישְׁט וָואס אִיז גוּט, הָאב אִיךְ נָאר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "נַחֵנִי בְּדֶרֶךְ אֱמֶת, פִיר מִיךְ אוֹיפְן אֱמֶת'ן וֶועג, מַאךְ גוּט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן אַן עֶרְלִיכֶע חִינוּךְ עַל פִּי תּוֹרָה, נִישְׁט וָואס דִי טְמֵאִים ווִילְן טוּן, הָיָ' לֹא תִהְיֶ'"; זָאלְסְטוּ נִישְׁט זַיין צֶעבְּרָאכְן, נָאר זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר, פַאר דַיין הַצְלָחָה.

...

### נִישְׁט הָאבְּן קַיין אֵיין שְׁוַוארְצֶע פִּינְטְל קַשְׁיוֹת אָדֶער תַּרְעוּמוֹת

בְּעֶזְרַת הַ' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת בְּהַר, ט"ו אִיָּר, ל' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן, פֹּה אַתְרָא קַדִּישָׁא מִירוֹן

טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אַ גְרוּס פוּן דַיינֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער ... אוּן ..., אִיךְ הָאב זֵיי בַּאגֶעגְנְט נֶעכְטְן אִין טְבֶרְיָ' אוּן אִין יַבְנְאֵל, זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר חָשׁוּב'עֶ אִינְגֶעלַייט, זֵיי זֶעעֶן אוֹיס פוּל מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן שִׂמְחָה.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט הָאבְּן קַיין אֵיין שְׁוַוארְצֶע פִּינְטְל קַשְׁיוֹת אָדֶער תַּרְעוּמוֹת, נָאר ווִיסְן אַז וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט, בְּצֶדֶק וּבְמִשְׁפָּט בְּחֶסֶד וּבְרַחֲמִים, ווַייל חַס וְשָׁלוֹם אַז מֶען הָאט קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה, מֶען הָאט פִּינְטֶעלֶעךְ אִין הַארְץ 'פַארְוָואס? פַארְוָואס?' - רַייסְט מֶען זִיךְ אָפּ פוּן לֶעבְּן, מֶען פַאלְט צוּ דִי סִטְרָא אַחֲרָא, צוּ דִי קְלִיפּוֹת רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן.

גֵיי יֶעדְן טָאג אַ שְׁפַּאצִיר נֶעבְּן שְׁטוּב, גֵיי צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער, צְווִישְׁן דִי גְרָאז אוּן בֶּעט אוֹיף אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, דָאס אִיז דֶער יְסוֹד פוּן אַלֶעס, אוּן

אַז מֶען הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה - "אִישׁ אֱמוּנוֹת רַב בְּרָכוֹת", הָאט מֶען אַלֶע בְּרָכוֹת (מִשְׁלֵי כח, כ).

...

### בַּאשׁוּלְדִיג נִישְׁט קֵיינֶעם, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַר, ט"ו אִיָּר, ל' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן, אַתְרָא קַדִּישָׁא מִירוֹן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין וַוייבּ אַז עֶנְק זָאלְן צוּרִיק אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע לֶעבְּן מִיט גְלִיק.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, בַּאשׁוּלְדִיג נִישְׁט קֵיינֶעם אִין וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער, עֶס אִיז נִישְׁט דַיין שְׁווִיגֶער אוּן נִישְׁט דַיין שְׁוֶוער, עֶס אִיז אַלֶעס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶר וִויל דִיךְ בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער צוּ דִי אֱמוּנָה, אוּן אוֹי וַאֲבוֹי אוֹיבּ מֶען זוּכְט צוּ לֵייגְן דִי שׁוּלְד אוֹיף מֶענְטְשְׁן, וַוייל הַיינְט אִיז עֶס דַיין שְׁווִיגֶער, זִי מַאכְט דִיךְ חָרוּב, נֶעכְטְן אִיז עֶס גֶעוֶוען דַיין טַאטֶע, אוּן וֶוער וֵוייסְט וָואס וֶועט זַיין מָארְגְן, וֶוער וֶועט זַיין שׁוּלְדִיג מָארְגְן, חַס וְשָׁלוֹם... בֶּעט אִיךְ דִיר, גֶעבּ זִיךְ אַ בֵּייג אַיין דַיין קָאפּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, מַאךְ מִיךְ פְרֵיילִיךְ, מַאךְ מִיךְ רוּאִיג, גֶעבּ מִיר אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל נָאר דִיךְ זֶען, נָאר דִיךְ שְׁפִּירְן, נָאר דִיךְ וֶועלְן אוּן גָארְנִישְׁט אוֹיסֶער דִיר".

מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיין וַוייבּ, טַאנְץ יֶעדְן טָאג אִין שְׁטוּבּ אַ קַאדַאטְשְׁקֶע "כִּי טוֹב ה', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט".

אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר, אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ.

...

## חֲבֵרִים אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען טוּישְׁט ווִי אוּנְטֶער וֶועשׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת בְּהַר, ט"ז אִיָּיר, ל"א לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד
לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שַׁבָּת זָאלְסְטוּ זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ און זָאלְסְט זִינְגֶען בַּיי דִי סְעוּדָה "בַּר יוֹחָאִי" מִיט דַיין שְׁטוּב, וַוייל שַׁבָּת אִיז שׁוֹין אַ חֵלֶק פוּן לַ"ג בָּעוֹמֶר, און דוּ זָאלְסְט אַרַיינְקוּקְן אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן זוֹהַר וָואס רֶעדְט פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי שַׁבָּת סְעוּדוֹת (עֶס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין דִי זְמִירוֹת), ווִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אִיז גֶעזִיצְן בַּיי דִי סְעוּדוֹת פְרֵיילִיךְ און גֶעזָאגְט אַז דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת אִיז אַ שְׁטִיק אֱמוּנָה, דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת בְּרֶענְגְט דִי בְּרָכָה פַאר דִי גַאנְצֶע וָואךְ.

הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי הָאבּ אִיךְ גֶעדַאוֶוענְט שַׁחֲרִית אִין דִי מַעֲרָה, וָתִיקִין. אִין אָנְהוֹיבּ הָאבּ אִיךְ גֶעקְלֶערְט נִישְׁט אַרוֹיף צוּ גֵיין צוּלִיבּ שְׁמוּעוֹת אַז דִי פָּאלִיצֵיי לָאזְן נִישְׁט און מֶען טְרָאגְט אַוֶועק, אָבֶער אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט דָאס הַארְץ און יָא אַרוֹיף דַאוֶוענֶען, און בָּרוּךְ הַשֵּׁם עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין פָּאלִיצֵיי, מֶען הָאט גֶעקֶענְט דַאוֶוענֶען און זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין.

אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר און פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה, אִיךְ בֶּעט דִיר נָאר אֵיין קְלֵיינֶע טוֹבָה, אַז דוּ וֶועסְט מִיר דָאס טוּן וֶועסְטוּ מִיר גָאר פְרֵיילִיךְ מַאכְן; בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער אִין שְׁטוּבּ, גֶעבּ אַ גוּט וָוארְט, פַארְגִין אַ שְׁמֵייכְל און לָאז שׁוֹין אָפּ דַיינֶע קִינְדֶערִישֶׁע מְשׁוּגַעַת פוּן חֲבֵרִים; נֶעם דַיין וַוייבּ פַאר אַ חָבֵר, נֶעם אַרַיין אִין קָאפּ אַז חֲבֵרִים אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען טוּישְׁט ווִי אוּנְטֶער וֶועשׁ; הַיינְט אִיז עֶר אַ חָבֵר און מָארְגְן וַוארְפְט עֶר דִיר אַרָאפּ, עֶר בַּאגְרָאבְּט דִיךְ; גֵיי נִישְׁט אַרוֹיס בַּיינַאכְט מִיט קֵיינֶעם.

לָאז אָפּ דִי נַייעֶ מְשׁוּגַעַת פוּן גֵיין אִין שְׁוִויץ מִיט דֶעם און יֶענֶעם, בִּיסְט מֶער פוּן דֶעם, בִּיסְט קְלוּגֶער פוּן דֶעם, אַז דוּ דַארְפְסְט אַ שְׁוִויץ - פַארְלֶעשׁ דִי עֶירְקָאנְדִישְׁן אִין שְׁטוּבּ פַאר אַבִּיסְל - און שְׁוִויץ. דִי מִשְׁנָה זָאגְט (אָבוֹת ג, ב): "הֲרֵי זֶה מוֹשַׁב לֵצִים", וֶוען צְוֵויי זִיצְן צוּזַאמֶען און מֶען רֶעדְט נִישְׁט קַיין תּוֹרָה, מֶען רֶעדְט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם - אִיז דָאס אַ מוֹשַׁב לֵצִים.

אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר אוּן דוּ טוּ מִיר דִי טוֹבָה, נֶעם דַיין וַוייבּ, דַיינֶע קִינְדֶער - פַאר דַיין לֶעבְּן.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

# הספר הקדוש
# הזה נדפס

לזכות

# מרדכי יהודה בן
# שיינדל

וזוגתו

# שרה ראכל

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבכם לטובה,
ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רויחי, ויזכו לרוות
רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון.